STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04511

# DI UNSHULD

## Paolo Mantegazza

*Permanent preservation of this book was made possible
by the Swerdlow Family Foundation
in honor of
Harry B. Swerdlow*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא

# אונשולד

פון

פראפעסאר

## פּאַאול מאנטעגאַצאַ.

---

איפערזעצט פון מ. כאטץ.

---


פערלאג פון

וויל:א פאבלישינג קאמפאניע

ניו-יארק

# דיא שעהמעדיגקייט.

שעהמעדיגקייט איז אן ערשיינונג פון דער מענשליכער נשמה, עס איז שווער פיזיאלאגיש צו בעשרייבען דיזע ערשיינונג. ווייל זיא איז אזוי אונבעשטימט און אזוי נעבעלהאפט, אבוואהל עס זיינען פאראן אויך גאנץ קראפטפולע פארמען פון שעהמעדיגקייט. א חוץ דעם איז דיא שעהמעדיגקייט פערשיעדען ביי פערשיעדענע פעלקער, און ניט קוקענדיג אויף דעם וואס די שעהמעדיגקייט איז דאך א טהייל פון דער געשלעכט־ליכער ליעבע, ווירקט אבער די שעהמעדיגקייט פארקעהרט; זיא ווירקט ניט צו ברייגגען נעהענטער דיא געשלעכטער, נור צו פארפרעמדען זיי, צודערווייטערן זיי איינעם פון אנדערען. זיא געהרט דוכט זיך צו איינע פון די אורזאכען פון ליעבע און פון דעסטוועגען זוכט זיא אונמעגליך צו מאכען דעם צוועק פון דער ליעבע.

איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך אליין האב אין פערשיעדענע פעריאדען פון מיין לעבען געביטען דיא מיינונג וועגען דעם געפיהל פון שעהמען זיך. אנפאנגס האב איך געדיינקט, אז דאס איז א געפיהל, וואס ענטשטעהט אין אונז ווען מיר זיינען נאך קינדער און ווען מיר זיינען נאך אין דיא אינגעל־יאהרען,— אויך אזא געפיהל ווי עגאאיזם, אייגענ־ליעבע, ליעבע גופא, א. ז. וו.

שפעטער אבער האב איך זיך איבערצייגט, אז מען מוז די שעהמע־דיגקייט גאר בעזונדער לעהרנען און אז דאס איז א זאך, וואס מען לערענט אויס. איך האב אנגעהויבען רעכענען דארום דיזען געפיהל ניט צו די איינגעבארענע געפיהלען, נור צו דיא ערווארבענע געפיהלען אדער

צו די געפיהלען פון א קלענערער שטופע.

דיא שעהמעדיגקייט איז אזא מין געפיהל, וואס איז ניט איינגע־וועבט אין דער ליעבע, נור זי איז אויסערליך, דרויסען פון דער ליעבע, ווי א מין זייטיגע בעגלייטערין פון דער ליעבע. און דער אורשפרונג פון דיזען געפיהל ליגט אויך אין יענע מעכטיגע כוחות, וועלכע זיינען געשאפען געוואָרען דערצו, אז דורך דעם קאמפף זאָל זיך שטארקער צופלאקערען דער לעבענס־פלאם.

ביי חיות געפינען מיר שוין אויך דונקעלע פארמען פון שעהמעדיג־קייט. פיעלע פון די חיות בעהאלטען זיך, ווען זיי ערפילען זייער תאוה; פיעלע חיות פון ווייבליכען מין אנטלויפען פון דעם מענליכען ליעבהאָבער, לאזען איהם ניט צו צו זיך, אבוואהל זיי אליין באגעהרען איהם. עס ווייזט אויס, אז דאס איז אן אויטאמאטישער אקט, עס טהוט זיך שוין אזוי אליין פון איהר זייט גאָר ניט בארעכענענדיג, גאָר ניט וועלענדיג; און אפשר איז דאס א פאָרם פון מורא פאר ווערען בעפאלען פון איהם.

אָבער דאָס אנטלויפען, דער ווידערשטאנד, דיזע אנהויבען פון דער שעהמעדיגקייט האבען שוין דעם צוועק דעם מאנספארשוין ווי אויך די פרויענצימער אזוי אויפצורעגען, אז די בעפרוכטונג זאל זיין א זיכערער. עס קאָן זיין, אז דאס וואס די חיות בעהאלטען זיך ווען זיי דארפען ער־פיעלען זייער תאוה, האט דאס אפשר אויך די נאטור אין זיי אריינגע־געבען פון זיכערקייט וועגען, אז זיי זאלען אין אזעלכע מאמענטען ניט אנגעגריפען ווערען.

די פסיכאלאָגיע פון חיות איז נאָך אבער ניט אזוי ווייט ערפארשט געוואָרען; מען קאָן נור דערווייל זאגען אז אפילו ביי זיי מערקען מיר שוין אויך שוואכע סליאָדען פון דעם געפיהל פון שעהמעדיגקייט, מען מוז נאָך דערצו צוגעבען א פאקט, אז ביי העכערע טהירען ווייזט זיך דיא שעהמעדיגקייט צו ערשט אין דער ווייבס־פערזאָן, ווייל איהר ראָלע איז צו פערטיידיגען זיך אין דעם קאמפף פון דער ליעבע, און פאר איהר איז די שעהמעדיגקייט נאטירליכער שוין אויס אנאטאמישען גרונד.

און ביי מענשען האט אויך די נאטור צוגעטהיילט דיזעלבע ראָלע דעם ווייבליכען געשלעכט — אין דעם קאמפף פון דער ליעבע צו פערטיידיגען זיך און דערפאר איז איהר שוין פון דער נאטור באשערט צו זיין ניט דער ערך שעהמעדיגער אלס דער מאנספערזאָן.

די ערשטע בעוועגונג פון דער ווייבספערזאנס האנד צו פארדעקען יענע טהיילען פון קערפער, וועלכע דער מאנספערזאָן וויל זעהען, האט ארויס געבראכט דעם געפיהל פון שעהמעדיגקייט, וועלכעס בינדט זיך צונויף מיט די ערשטע רייצונגען פון קאקעטעריי. מאן און ווייב האבען גע־מוזט ביים אנהויבען לעבען צוזאמען אין דער פאמיליע און אין פאלק אויף א גאנץ נאטירליכען אופן ווערען די שעהמעדיגסטע בעשעפעניסען — שוין ניט ריידענדיג וועגען דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דעם מענשענס נשמה.

ווארום מען דארף דאך ניט פארגעסען, אז די פרוי איז דאך אונ־טערוואָרפען צו אונאנגענעהמע פעריאדישע שוואכקייטען, און פון דער אנדער זייט זיינען ביי דעם מאן געוויסע געשלעכטליכע ערשיינונגען, וועל־כע וואלטען געווען זעהר אויפפאלענד, ווען ער זאל זיין אין ניט פאר־דעקטען צושטאנד. דערפאר קומט עס, אז אלע פעלקער פון דער ערד בעזיצען א געוויסע פארם פון שעהמעדיגקייט.

עס איז אבער אויך אומעטום נאטירליך אז די פרוי קומט אויס שעהמעדיגער פון דעם מאן; ווארום דעם מאן האט דאך די נאטור צו־געטהיילט אן אנגרייפענדע ראָלע, און פאר זיין אנגרייפענדער אויפ־גאבע, אם וויניגסטען אין די לעצטע שטופען פון דער ליעבע, וואלט די שעהמעדיגקייט געווען א געפעהרליכע זאך; זיין נאטירליכע אויפגאבע וואלט געווארען דורך דעם אונמעגליך.

ווי פיעלע אנדערע געפיהלען איבערטראגט זיך שוין די נאטירליכע שעהמעדיגקייט פון ערוואקסענע אויף קינדער. די ערוואקסענע בעלעהרען דיא קינדער אדער דיא קינדער לעהרנען זיך אב פון די ערוואקסענע וויא שעהמעדיג צו זיין, ווארום אין דער ווירקליכקייט קאָנען דאך קינדער, ביי

זיי ווערן געשלעכטליך רייף, נים האבען פון דער נאטור די נויטינקייט שעהמעדיג צו זיין.

אבער עס קאן אויך זיין, אז די שעהמעדינקייט ווערט שוין געבאָרען אין קינד בירושה; דאס הייסט אין איידעלערע נאטורען קאן אויף דעם וועג פון ירושה שוין פון געבארענהייט אן שוין זיין אין קינד דאס געפיהל פון שעהמעדינקייט. דאס געפיהל איז אין זיי ניט וועלענדיג, עס איז שוין א טהייל פון זייער געבארענעם כאראקטער. און די" וועלכע האבען ניט די שעהמעדיגקייט פון געבאָרענהייט אן לעהרנען זי שוין אב פון די ערוואקסענע. פריהער הויבט זי זיך אן אויף דעם געשלעכטליכען געביעט, דערנאָך צושפרייט זי זיך ווייטער אויך אין אנדערע לעבענס-בעציהונגען.

די טערקישע מאראל בעפעהלט, אז די טערקישע פרוי זאָל האל־טען פערבאָרגען די אויסערליכע, אויבערשטע זייט פון האנד, מעג אבער האלטען אפען דיא אינוויינינסטע, דאס הייסט דיא אונטערשטע האנד־פלאַכקייט. דיא ארמעניער פרויען אין זידליכען אינדיען פארדעקען זיך דאָס מויל אפילו דאַן, ווען זיי זיינען ביי זיך אין הויז; און ווען זיי געהן ארוים פון הויז וויקלען זיי זיך אין גאנצען איין אין ווייסע לייוועגדענע מלבושים. די פערהייראטע פרויען לעבען דאָרט זעהר פערשפאַרט און טארען יאהרען לאנג אפילו זייערע קרובים פון מענער־געשלעכט ניט אנ־קוקען; זיי בעהאלטען זייער פנים פאר זייער מאנס עלטערען אפילו.

דיזע צויי ביישפילע, וועלכע זיינען בלויז א טהייל פון טויזענד אנדערע, בעווייזען, אז צו דער אמת׳ער שעהמעדינקייט קומען שוין צו זייטינע, וועלכע קומען פון געוואהנהייט און געהערען גאר ניט פיזיאלא־גיש צו דעם נאַטירליכען געפיהל פון שעהמען זיך.

מיר געפינען אויך אז אין פערשיעדענע לענדער הייגגען אב דיא גרענצען פון שעהמעדיגקייט פון דיא פארשיעדענע מאדעס אין קליידען זיך. דאָס איז א זאַך, וועלכע האט לחלוטין ניט צו טאָהן מיט דער מאראל און האט ניט צו טאהן מיט געשלעכטליכער שעהמעדינקייט. פון דיא קניע אן ארונטער און פון דעם בוזים אן ארויפצו בייט זיך דאס

געפיהל פון שעהמעדיגקייט נאך דער מאדע. וואו עס איז דיא מאדע אדער ווען עס איז דיא מאדע צו טראגען קורצע קליידלעך מיט פער־שפּילעטע יאקלעך ביזן האלז, ווערט מען זיך שעהמען צו געהן קאלטירט, מיט אן אויסגעבלייזטע ברוסט און א לאנגע קלייד; פארקעהרט, ווען און וואו עס איז אין דער מאדע צו געהן מיט א געבלייזטע ברוסט און א לאנגע קלייד, וועט מען זיך שעהמען צו טראגען א קורצע קלייד. ווען אפילו דיא ברוסט איז פארדעקט. עס ווענדט זיך נאך דער מאדע און נאך דער נאציאנאל-קליידונג.

מען דארף ניט פערמישען דיזע אנגענומענע זאכען מיט דעם נאטירליכען געפיהל פון שעהמעדיגקייט, ווארום דאס איז אלץ איינס ווי צו זאגען, אז שעהמעדיגקייט שטאמט פון דער געוואהנהייט צו בעדעקען דאס לייב. דער אמת'ר געפיהל פון שעהמעדיגקייט באשטעהט אין דעם שטרעבען, אז עס זאלען פאר דעם פּשוטען אויג ניט זיין אפען די ארגא־נען און די געהיימניסען פון דער ליעבע — צו בעהאלטען, פארשטעלען אלע יענע טהיילען פון קערפּער, וועלכע האבען דירעקט אדער אונדירעקט א שיכות דערצו.

מיר געפינען אז ביי אלע פעלקער האט זיך עס ענטוויקעלט אויף דעמזעלבען שטייגער. פריהער פארדעקען די געשלעכטליכע טהיילען פון קערפּער, דערנאך הויבט זיך שוין אן דאס בוזים, דיא פיס, די ארעמס, און ענדליך דעם גאנצען לייב און אפילו דעם קאפּ. אבער דא הערט שוין אויף די שעהמעדיגקייט און עס הויבען זיך אן דיא רעכטע פון דער נעזועלשאפט.

די שעהמעדיגקייט איז איינע פון די איידעלסטע פארמען פון צור־נעצווינגען ווערן און פון צוריקהאלטונג אין דער ליעבע. זיא איז א מין פּי־זישע זעלבסט־רעספּעקט און געהערט יעדענפאלס צו די העכערע רעגונ־גען פון דער מענשליכער נשמה.

זי איז א טרייע בעגלייטערין פון דער ליעבע און אין איידעלערע נא־טורען ענטהאלט אין זיך דיזעס געפיהל א גאנצען אוצר פון געהיימניסען

און פון אונבעשרייבליך צארטע מאטיוועז. זיא ברייננט ארויס בעוועגונ־גען, וועלכע זיינען אזוי ליעבליך; בליקען אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אב א גאנצער גן־עדן; ווערטער און זיפצען, וועלכע זיינע די רייכסטע טהעמאס פאר דעם דיכטערס פעדער.

ביי ווענען עס פעהלט דאס געפיהל שעהמעדיגקייט אדער אין וועמען דיזעס געפיהל איז שוואך, יענעם פעהלט א העלפט פון די רייכע אוצרות פון דער ליעבע. מען קאן אזא מענשען צוגלייכען צו איינעם, וואס בעוואונדערט די בלומען פון א בליהענדען גארטען, ניט האבענ־דיג קיין חוש הריח.

די פרויענצימער איז די היטערין און די אויפהאלטערין פון דער שעהמעדיגקייט; זי איז די מייסטערין פון די שעהנסטע פארמען פון דיזען געפיהל; דיא ריינע קריסטאל־בעשיידענע יונגפרוי האט אין זיך אן אונענדליכען, אונבעריהרטען אוצר פון שעהמעדיגקייט. אויף איהר וועג דורך דעם גארטען פון ליעבע פערלירט זיא אפילו דא און דארטען א פערעל פון יענעם אוצר, וואס מעהר דער מאן, איהר לעבענס־בעגלייטער העלפט איהר דאס צו פערלירען. אבער זעהר זעלטען פערלירט זיא עס אין גאנצען.

זעהר זעלטען קאן עס פּאסירען, אז א פרוי, ווען אפילו זיא האט שוין געהאט טויזענד ליעבשאפטען, זאל פערלירען דעם גאנצען אוצר פון שעהמעדיגקייט, מיט וועלכער די נאטור האט זיא בעשאנקען. אפילו אין דעם לעבען פון דער אויסגעלאסענסטער פרוי, אפילו אין דעם זומפּ פון פראסטיטוציאן, קאנען מיר נאך אויך ערשטוינט ווערן צו געפינען מאנכע דימענטען, וועלכע זיינען ניט צושמאלצען געווארען פון דעם העלישען פייער פון דער נידריגסטער פערדארבערסטער צולאזענקייט און פערקויפטקייט.

ווען א געפיהל האט אזא לעבענס־פעהיגקייט מוז עס ארויסרופען אונזער בעוואונדערונג. און אזוי לאנג ווי ביי דער פרוי בלייבט נאך א שטיקעלע היילינ פּראץ, אויף וועלכען עס וואקסט איין איינציג ארעם

בליהמעל פון דער שעהמעדיגקייט, איז נאך אין איהר ניט אבגעשטארבען אין גאנצען דיא וויבליכקייט און עס איז נאך מעגליך אן אינערליכער תחית המתים פון איהר נשמה.

האט דרך ארץ פאר יענע בלום, איהר ציניקער, איהר אבלאכער, וואס פערלייקענט דיא וויבליכע צניעות! האט דרך ארץ, איהר בעלי־תאוות; האט רעספעקט פאר יענעם שטיקעלע הייליגע ערד, אויף וועל־כען עס וואקסט דיזע בלום, און צוטרעט זי ניט און צושטעכט זיא ניט מיט אייערע נידריגע און גראבע צולאזענקייט!

דיא שעהמעדיגקייט איז קיין מאל ניט קיין איבעריגע זאך אזוי לאנג ווי זי איז נור אויפריכטיג און קומט פון׳ם הארצען פון א בעגאבטער נאטור. דאס איז א געפיהל, וועלכעס רופט ארויס איידעלע טהאטען און ערהאבענעס געגוס. די שעהמעדיגקייט האט בכח צו פעראיידעלען אונוויסענהייט און פראסטקייט. זי בעשיינט מיט א שטראהלען־קראנץ די גראבסטע ווי די ערהאבענסטע ליעבע.

די עסטעטישע קראפט פון דער שעהמעדיגקייט איז אזוי גרויס, אז זי צאמט איין דעם אונפערשעהמטסטען מאן און פערפוצט מיט א שלייער דעם בעסטיאלישען טהייל פון דעם מענשענס לעבען און פאר־שטעלט דיא אבשטויסענדסטע געהיימניסע פון דער טהירישער טהייל פון מענשען.

אהן בגדים און אהן דעקעס קאן דיזע הערליכע צויבערען פער־ציהען דעם נאקעטען לייב מיט אן אונזיכטבארען מאנטעל און בעשיצען איהם געגען יעדער תאוה. זיא איז דיא וועכטער׳ן און דיא פריסטערין פון דער ליעבע און היט זי אב אויף טריט און שריט, אז דיא ליעבע זאל ניט בעפלעקט ווערען און זאל ניט פארצעהרט ווערן. זיא לעהרענט דיא ליעבע צו הייבען דעם בליק ארויף, צום הימעל און פעראיי. גלט זיא און פערהייליגט זיא דערמיט.

זיא איז א שפארזאמע ערציהערין פון דער ליעבעס קרעפטען און זיא האלט זיי אויף פריש און יונג. און ווען דער ערשטער קוס כאפט

אפילו אראב די יונגפרויליכע בליהונג פון דער פרויס שטערען, ערוועקט דיא שעהמעדיגקייט דאך נייע יונגפרויליכע בליהונגען אויף דעם וועג, אויף וועלכען צוויי ליעבענדע וואנדלען.

דיא שעהמעדיגקייט איז דער בעסטער כעמישער מיטעל אויפצוהאלטען דיא ליעבע פאר א לאנגע צייט; זיא בעפוצט די ליעבע וויא א שעהנע קלייד; זי בעשיצט זי וויא א גלעזענער שוץ־דאך; זי היילט זיא, וויא א באלזאם — זיא זאל זיך קאנען לאנג אויפהאלטען. דאס ניט־שעהמען זיך האט אויפען געוויסען מעהר ערמאָרדעטע ליעבעס איידער דיא אונטרייהייט.

ווען דאס געפיהל פון שעהמעדיגקייט וואלט אפילו ניט געווען אזא גרויסע טוגענד, וואלט דאך עס פון דעסטוועגען געווען דיא הויפט אורזאכע פון ניט איבערצוזעטיגען זיך. עס שטעהט פון איין זייט די ברענענדע לוסט און אנטגעגען שטעהט דער בערוישענדסטער בעכער — וויא פיעל גענוס, אבער ווי פיעל געפאהר! נון, דער בעכער איז איבער פול, ער ברויזט מיט ליידענשאפט, דיא ליפען גליהען און זופען מיט גענוס פון דעם זיסען יין המשומר; אבער דער בעכער געפינט זיך אין דער האנד פון דער שעהמעדיגקייט, וועלכע שטילט אייביג דעם דורשט מיט דער פיינסטער קונציגקייט; אבער דערוועקט אייביג ווידער דורשט, אזוי אז דיא ליפען זיינען שטענדיג האלב געעפענט, טרינקען, בלייבען דורשטיג און דער זיסע וויין האלט זיך אימער אוף אין בעכער.

א וואונדערליכע פארשוואונדונג פון אונגעהייערע רייכטהימער, וואס געפינט אין זיך אליין די קראפט צו בענייען זיך און צו פערפיעלפאכען זיך; א צויבערליך שוישפיעל פון דיא ריזיגסטע קרעפטען, וואס זיינען פערטרויט געווארען אין די הענד פון א קינד, וועלכע פערוואלט זיי און בעהערשט זיי!

אונזערע קינדער, און בעזונדער נאך אונזער מיידלאך, דארפען מיר פריה לעהרנען שעהמעדיגקייט; מיר דארפען זיא אין זיי ערציהען און פערפיינען, אזוי אז דאס זאל זיין א געפיהל פון אויפריכטיגקייט

און ניט א קאקעטישע פאלשקייט. מען קאן נאקעט זיין און דאך זיין שעהמעדיג, און מען קאן זיין אנגעטאהן קליידער אויף קליידער און דאך זיין אויסגעלאסען און אונפערשעהמט.

ביי אונז לערענט מען אבער די מיידלעך אראבצולאָזען די אויגען, ווען זיי דערזעהען א זוכענדען, באגעהרענדען בליק און אין דערזעלבער צייט פיהרען מיר זיי אין טהעאטער, וואו דיא באלעט־טענצערינס ער־שיינען ערגער אלס נאקעט פון מיטען קערפער ארונטערצו און דיא צר־שויערינס ערשיינען נאקעט פון מיטען קעפער ארופצו. דער רעזולטאט פון דיזעביידע אונפערשעהמטע העלפטען קומט ארויס א גאנץ נאקעטע און אונפערשעהמט נאקעטע בעשעפענים.

ביי אונז לערענט מען די טעכטער, אז זיי זאלען פערדעקען זייער פוס פון דעם פרעכען בליק פון׳ם מאן, און גיבען זיי איבער דער שנייד־דערין אז זיא זאל זייערע קערפער־פארמען, וואס זיינען פון דער נאטור געלאסען און בעשיידען, מאכען אינטערעסאנטער. דאס הייסט, מיט איין האנד פארשטעלען מיר זיך און מיט דער אנדער האנד באגעהן מיר די גרעסטע אונפארשעהמטקייט.

אזוי לאנג ווי אזא טיעף איינגעווארצעלטע היפאקריטסטווא וועט זיין דורכגעדרונגען אין אונזער מאדערנע געזעלשאפט, וועט דאס גע־פיהל פון שעהמעדיגקייט קיין מאהל ניט זיין קיין אויפריכטיגעס און וועט האבען זעהר א קנאפען איינפלוס אויף דער פעראיידעלונג און דער פערפיינערונג פון דער ליעבע.

## דיא יונגפרויליכע אונשולד.

יונגפרויליך אונשולדיג קאן זיין ניט נור א פרויענצימער, נור אויך א מאנספערזאן. מען קאן זאגען „דער יונגפרויליכער מאן.“ אבער צווישען דעם יונגפרויליכען מאנספערזאן און דער יונגפרויליכע פרויענצימער איז אזא געוואלטיגער אונטערשיעד — א תהום, וועלכע צושיידט זיי ביידען,

א יונגפרויליכע מאן איז יענער בחור'ל, וועלכער האט נאך ניט פערזוכט דיא געהיימעניסע פון ליעבע, האט נאך איהרע פרוכט ניט גע־נאסען. אבער אויף איהם קאן מען דאך עס ניט דערקענען, אויף איהם זיינען דאך אויסערליך ניטא קיינע סמנים פון דיזער אונשולד. זיין אונ־וויסענהייט פון דיא סודות פון ליעבעס־נענוס איז ניט קענטיג אויף זיין קערפער, אפט אפילו ניט פון זיין הארץ און פון זיין גייסט איז עס צו דערקענען.

די תאוה מיט איהרע טויזענדערליי וועגען, די נאטור מיט איהרע אונצעהליגע מיטלען קאנען דעם מאנספערזאן אונריינער מאכען אלס א פראסטיטוקע און דאך זאל ער זיך קאנען בעריהמען, אז ער האט זיין בחורשאפט ניט פערלעצט. ער איז יונגפרוויליך. ער איז אונשולדיג.

די יונגפרויליכע פרויענציממער אבער איז א וועלט פאר זיך; דיא יונגפרויליכקייט פון דער פרויענצימער איז א טעמפעל, וועלכען אלע פעלקער אויף דער ערד פארעהרען און פארגעטערען. נור מיר וועלען דא ריידען בלויז פון דער יונגפרוי פון דער אייראפּישער ציוויליזאציאן, וויא די נאטור ערציהט זי אין איהר מוטער־שויס און ווי די ציוויליזאציאן פון אונזער צייט ברייננט זי אלס אפפער אויף דיא מזבחות פון געלד, פון תאוה אדער פון ליעבע.

די נאטור, וועלכע האט די יונגפרויליכקייט בעשאפען האט דער־מיט געשאפען אויך איינע פון די דונקעלסטע און ווידעשפרעכענדסטע רעטעניסען. ניט גענוג וואס זעכצען לאנגע יאהר דארף עס נעהמען ביז פון דעם קינד זאל ווערן א פרויענצימער; ניט גענוג, וואס ערשט נאך לאנגען און גרויזאמען קאמפף פאלען אלע שראנקען, וועלכע האבען פערצאמט דעם מאן, ער זאל ניט קאנען צוקומען צו דעם טעמפעל פון דער ליעבע; ניט גענוג דיא גרעסטע סטראטעגיע און טאקטיק, וועלכע די פרוי וועג־דעט אן צו פערטיידיגען זיך און ניט גענוג נאך דער געדיכטער שלייער פון שעהמעדיגקייט, כדי אויפצורעגען אויפן העכסטען אופן דיא אונ־געדולד פון דיא שטורמישע פערלאנגען.

אזוי ווי דאס אלעס וואלט פאר דער נאטור נאך ניט נענוג געווען און וועןביידע ליעבען זיך שוין, ווען איינער דעם צווייטען ענטפערט שוין „יא“, ווען די שלעסער פאלען שוין, ווען די שעהמעדינקייט טרעט שוין רויט ווערענדיג אב דעם פלאץ פאר דעם הייסען באגעהר — אפילו דאן געפינט זיך נאך ערשט אויף דעם שוועל פון דעם הייליגען טעמפעל דער מלאך מיט א פייעריגען שווערט, און ווי ער וואלט צושרייען דעם מאן : „דא, פאר דיר איז א יונג פרוי !“

די רויז האב זיך צובליהט מיט איהרע רייכסטע פולבלוטיגע בלעטער ; זי האט זיך נאך ניט צועפענט, אבער שעהן און דופטיג וויא א פריהלינגס-מארגען, צניעות'דיג בעהאלט זיא איהר אינווייניגסטען קוויט אין איהרע שיצענדע בליהונגען, און איידער איהר דריקט דערויף א קוס מוזט איהר אבער דער רויז'ס בלוט פערגיסען, ווארום דיא יונג-פרויליכקייט איז דער דארן פון א רויז.

וואס פאר א טיעפע געהיימנים !

אויפן שוועל טרעפען זיך צוויי פערשיעדענע נאטורען, וועלכע זיינען איינער צום צווייטען צוגעצויגען געווארען איבערפילטע מיט דיא הייסעסטע פערלאנגען ; זיי טרעפען זיך דא אויפן שוועל נאך אונצעה-ליגע קעמפפען און נאך דעם וויא זיי זיינען איבערגעקומען דיא גרעסטע הינדערניסען. ענדליך האבען זיי זיך געפונען אום צוזאמען צו טרינקען פון דעם בעכער פון לוסט און ליידענשאפט. אבער דא אויפן פלאץ שטעהט נאך דער מלאך פון שמערץ, און ערשט נאך א געפיהל פון וועהטאג דערגרייכען ביידע צו דער געווינשטער הנאה, צום באגעהר-טען הימעלשען פערגעניגען.

וואס פאר א מורא'דיגע געהיימנים !

ארעמעס ווייזען ! זי איז פון דער נאטור אליין געשאפען מוטער צו ווערען, דיא נעהרערין פון דיא קינדער צו ווערן, דיא היטערין פון דעם פאמיליען-טעמפעל צו ווערן — און אין דיא לאנגע נעכט פון איהרע מיידעליאהרען האט זיא געטרוימט פון דער ליעבע, ווי פון א פרעכטיגע

דופטענדע בלום, ווי פון די זיססטע פרוכט אין'ם גארטען פון לעבען. און ווען דער טרוים פערווירקליכט זיך ענדליך מוז זיא מיט איהרע שמערצען בעצאהלען פאר א העלפט פון דעם גענוס, ווי די נאטור פון די ערשטער ליעבעס־בערווישונג וואלט איהר זאגען: „א, דו חוה'ס טאָכטער, דורך שמערצען זאלסטו ליעבען און מוטער ווערען!"

און אין מיטען פון דעם גליקליכען געפיהל צו בעלאנגען צו איין איינציגען, צו בעזיצען דעם הארצענס־געליעבטען און זיין באזעסען פון איהם, מוז זי די ערשטע זיסע פרוכט, וועלכע זי רייסט אב פון ליידענשאפטס־בוים אין דעם גארטען פון ליעבע, מיט איהר אייגען בלוט פארבען.

אבער גראד אויף דיעזען שוועל, אויף וועלכען די צוויי ליעבענדע טרעפען זיך בויט דער מאן זיין טעמפעל, וואו ער פארעהרט און פארגעטערט די דריי שטארקסטע ליידענשאפטען פון דעם מענשענס הארץ. דא פעראייניגט זיך ליעבע, שטאלץ און דאס געפיהל פון אייגענטהום און פערבינדען זיך אין איין קרעפטיגען באנד כדי צו פארפעסטיגען דעם מענשליכען גליק—א בעפריעדיגונג פאר דער העכסטער תאוה: „מיינע! מיינע צום ערשטען מאהל! מיינע אויף אימער!" און אזוי וויא דיזער אויסגעשריי וואלט ארויס פון דער פערבונדענער, פעראייניגטער ליעבע, שטאלץ און דאס געפיהל פון „מיין"— דער העכסטער אויסגעשריי, דער טריאומף פון בערוישענדען און בעטרונקענדען גענוס!

אומעטום, אין אלע טהיילען פון מענשליכען לעבען איז דא דאס ערשטע, דאס נאך־ניט־בעזעסענע, דאס יונגפרויליכע, און דיזעס ערשטע אונטערשיידעט זיך טיעף פון יענע זאך, וואס איז דאס צווייטע. דיא נאטור האט אנאטאמיש, פיזיש בעשטעטיגט דאס ערשטע אין דער פרוי, וואס מען רופט ערשטע ליעבע. און דער ציוויליזירטער מענש מיט זיין אייפערזוכט, מיט זיין אייגענוציגקייט דאנקט דער נאטור, וועלכע האט געשאפען סמנים פון ריינהייט אין דער פרוי; ער בענשט די נאטור פאר וואס זי בעזיגעלט די טריההייט מיט אזא צייכען, וועלכען קיין פרוי קאן

ניט איבער טרעטען אונבעשטראפט.

די לאנגאבאַרדען פלעגען ברייגגען א מתנה, וועלכע זיי פלעגען רופען „מארגענגאבע", א מתנה דער יונגפרויליכקייט, נאך דער חופה־גאכט. די מתנה פלעגט זיין א פערט־חלק פון דעם מאנס פארמעגען. מיר זיינען אפילו שוין ניט קיין לאנגאבאַרדען, אבער דאך פארשפרעכען מיר אונזערע טעכטער א מתנה, ווען זיי וועלען נור אויסהיטען זיך, אז ביז דעם טאג פון זייער אפיציעלער ליעבע וועלען זיי ניט פארלעצען דעם הייליגען שלייער, וואס פארשליסט דיא טויערען פון דעם טעמפעל, אין וועלכען עס ליגט די צוקונפט פון דעם קומענדען דור.

דיזע מתנה באשטעהט אין דער אכטונג און דער פערעהרונג, וועלכע אלע פיהלען פאר איהר. אזוי לאנג ווי יענער שלייער בלייבט אונבעריהרט ביסט דו א הייליגע, א יונגפרוי, א מלאך, דאס ציעל פאר אלע ווינשונגען און קאנסט טרוימען פון דאס העכסטע און דאס שעהנסטע. איינמאהל אבער איז יענער שלייער פארלעצט — מעגסט דוא זיך זיין יונג, מעגסט זיך זיין שעהן, מעגסט זיך זאגאר זיין ריין וויא מיט א טאג פריהער, אבער דוא ביסט שוין בלויז א פרויענצימער־וויא פיעלע אנדערע. דער טעמפעל איז פארשוועכט, די פארגעטערונג איז פון איהם גערויבט, די הייליגקייט איז פארשוואונדען.

וואס פאר א קנויל פון געהיימניסע און אונגערעכטיגקייטען!

דער דיכטער האט טויזענדע אופנים ווי די יונגפרויליכע אונשולד צו שילדערען. ער קאן זיא ווי א טעמפעל שילדערן, וועלכער איז פון א מלאך מיט א פייעריגען שווערט בעוואכט; ער קאן זי שילדערן אלס די ערשטע ליידענשאפט געפּאַרט מיט דעם ערשטען שמערץ — אלס דעם שיקזאל פון א גאנצען מענשען־געשלעכט, וועלכער ווערט בעשטימט דורך דער ערשטער אומארמונג וואס ברייננט א ציטער פון הנאה, אלס אן אונענדליכע געהיימנים, וועלכע איז פארשטעלט מיט דער ערשיינונג פון דעם שעהנסטען שוישפיעל פון דער מענשען־וועלט.

אפילו דער מאראל־פריידיגער געפינט א גאנצע מאסע

ערקלעהרונגען פאר דער וואונדערליכער ערשיינונג פון דער ונגפרויס אונשולד, וואס איז פון דער נאטור אליין אזוי געשאפען. פאר איהם איז דיזער שלייער פון אונשולד א וועבטערין פון זיטליכקייט, א שטאלצע דער־מאנונג, אז די ליעבע איז מיט שמערצען פערבונדען; א פייערליכע פארם פון א גאראנטיע פון אונשולד פאר דעם מאן; א קאסטבארער פערזיכע־רונג פאר דער צוקונפטיגער טרייהייט און בעשטענדיגען הויזליכען גליק.

אבער דער דאָקטאָר שאקעלט דעם קאָפּ און פאר איהם זיינען ניט בעפריעדיגענד די פאעטישע שילדערונגען פון דעם דיכטער און ניט די ערקלעהרונגען פון דיא רעליגיעזע מאראל־פריידיגער. דער דאקטאר וויים, אז יעדער גליעד אין מענשענס קערפּער האט זיין פונקציאן, אז יעדע ווירקונג האט איהר אורזאכע, אז אויף יעדער „ווארום ?" מוז זיין א „דארום !"

—}|{—

איך גלויב, אז ווען מיר וואלטען געקאנט גאט אפרעג טאהן, נאך דעם ווי די יונגפרוי עקזיסטירט שוין אזוי לאנג, אויב ער איז צופרידען מיט איהר עקזיסטענץ, וואלט ער געענטפערט אז יא, ער איז צופריעדען. זיא איז דאך אזא מין בריאה, וואָס בריינגט מעהר גוטעס אלס שלעכ־טעס, און דיא מענער וועלען אויך ענטפערען, אז זיי זיינען צופריעדען, זי זאל אזוי ווייטער עקזיסטירען.

איך וויים ניט, אויב אלע פרויען וועלען איינשטימען, אבער איך דיינק, אז די בעסטע פון זיי, די יוגענדליכע, די שעהנסטע, דיוואס זיינען פול מיט פאעזיע וועלען אויך זיין אויף אונזער זייט. דער אפענער בית־המקדש איז ניט אזוי הייליג וויא דער געשלאסענער קדשי־קדשים און א געהיימניס דינט מעהר צו ערוועקען פארעהרונג און פארגעטערונג. און איז דען ניט די ליעבע די גרעסטע געצענ־דינעריי ?

א מיידעלשע פרויענצימער, א יונגפרוי מיט איהר אונשולד ציהט

אונז טויזענד מאהל מעהר צו אלעס אן אנדער פרוי. וויא שטארק מוז זי אונז ליעבען אבער ווי הייס מוז זי ווינשען אונזער אומארמונג, ווען זי שטייגט אראב פון דעם פיעדעסטאל פון אידעאליזמוס, אויף וועלכען מיר האבען זי ערהויבען און קומט צו אונז אום צו פערטווישען פאר אונז דעם הימעל מיט דער ערד !

די געהיימניספולקייט פון דאס, וואס איז אונז אונבעקאנט, דער רייץ פון ערשטלינגקייט, דאס בעוואוסטזיין אז מען איז איהר ערשטער לעהרער אין דער קונסט פון ליעבע, דאס מאכט שטארקער דיא אונענד־ליכע ענטציקונג פון דער ערשטער אומארמונג.

אפילו די מורא, די פורכטבארע מורא, פיעלייכט וועלען מיר גע־פינען שוין דעם טעמפעל פארשוועכט, פארגרעסערט נאך אונזער אויפרע־גונג צווישען פערדרוס און תענוג. און אויך זי איז גליקליך דעם אפפער צו בריינגען פאר איהר ליעבע. זי דערפיהלט די העכסטע גענוס, וועלכע פערכאפט איהר ליידענשאפט, איהר גייסט, איהרע נערוועז און געדאנ־קען. זי האט שוין פאר איהר אבגאט אבגעגעבען איהר הארץ און יעדע רעגונג פון איהר הארץ, און זי גיט איהם איצט אויך דאס רעכט, דאס אויסשליסליכע רעכט, זי צו בעזיצען און מאכט איהם פאר דעם הערר פון איהר גאנצער עקזיסטענץ.

נאכדעם ווי זי האט מיט איהר געליעבטען געטהיילט אלע איהרע האפענונגען, גיט זי איהם אויך איהר בלוט און פערשטארקט דערמיט דיא ליעבע מיט דער הייליגסטער שבועה, וועלכע איז נור מעגליך זיך פארצושטעלען. נאקעט, שוואך און מאכטלאז גיט זיא זיך איבער איהם דעם שטארקערען, וועלכען זי קאן ניט ווידערשטעהן, דעם אנגערייפענ־דען מאן! וויפיעל ליידענשאפט! וויפיעל זעלבסט-פערלייקענונג! וויפיעל תענוג!

ערשט נעכטען א מלאך געווען, לאזט זי זיך היינט פון דעם גע־ליעבטען אבצושערען איהרע פליגלען און ווערט אוים מלאך, נור א ווייב, כדי א פריינדין, א לעבענס-בעגלייטערין און א מוטער צו זיין.

ערשט נעכטען געווען א פריסטערין פון א טעמפעל — פארברענט זיא היינט אויף דעם מזבח פון דער ליעבע דאס פרומע קלייד פון דער וועסטאלין און רופט אויס פון פרייד און שמערץ: „איך בין דיינע, אין גאנצען דיינע, וואס נאך קאן איך פאר דיר אפפערען? זאג מיר און איך גיב דאס דיר אוועק; מיינע פליגלען האב איך געלאזט אבשניידען כדי פון דיין גייסט געטראגען צו ווערן הויך; איך האב מיין טעמפעל פארברענט כדי צו לעבען בלויז אין דעם הייליגטהום פון דיין הארצען; מיינע חכומות האב איך פארגעסען כדי נור מיט דיר צו פיהלען. פערראטה מיך ניט, פיהל אונענדליכע ליעבע צו מיר, אונענדליכען מיט־געפיהל!"

און נאך אלעס דעם זיינען נאך דא מענער, וועלכע וואגען אנצונעהמען דאס אפפער פון א יונגפרוי, ניט זייענדיג אליין בערעכטיגט צו רופען זיך דער פריסטער פון דער ליעבע; עס זיינען פאראן מענער, וועלכע שעכטען דאס הייליגע אפפער־לעמעלע מיט א אונריינעם מעסער; פאראן אזעלכע, וואס קוקען דערויף ווי אויף א ריין בירורגישער אפעראציאן; זיי זיינען ניט פערכאפט פון בליציגען פלאם פון דער ליעבע, זאנדערן פאר זיי איז עס קאלט בלוטיגע מעכאניק. יא, עס זיינען פאראן מענ[illegible]ר, וועלכע ענטהרען די יונגפרוי, ניט פערבינדענדיג זיך דורך דעם מיט איהר אויף ווייטער אלס מאן און פרוי, ניט מאכענדיג זי פאר זיין ווייב; עס זיינען פאראן מענער, וועלכע פערגיפטען דעם מלאך מיט דעם סם פון א שלאנג.

וואס פאר א הונדערטפאך געמיינע, עלענדע בעשעפעניסען אזעלכע מענער זיינען! זאל דאס בעליידיגטע און ענטעהרטע פרויענצימער זיך מיט זיי רעכענען, זאל זיך געגען זיי נוקם זיין דורך א גלייכער אונענדליכער בעליידיגונג; זאל דיא ערנידעריגסטע מענשליכע ווירדע זיך ערהויבען געגען אזעלכע און פערדאמען זיי, פאראכטען זיי וויא זיי פערדינען דאס! א, עס וואלט זיך ווינשען, אז דיא גאנצע מענשהייט זאל משפט'ן אזעלכע אונמענשליכע מענער און שפייען זיי אין פנים, ווארום

דאָס זיינען ברואים וואס רויבען פון הימעל דעם מלאך און פון דעם מענשען די יונגפרוי. אזעלכע דארפען ערקלעהרט ווערן אלס די נידריג־סטע, אלס די שענדליכסטע ברואים צווישען מענשען!

דער אנאטאמישער פאקט, וואס די יונגפרויליכקייט איז שוין אזוי פון דער נאטור, ברייננט אבער אויך ארויס א גרויסע צרה, וואס דיא גאנצע וועלט בעגרייפט עס; עס איז דארום ניטא קיין איין מאן; וויא אונוויסענד ער זאל ניט זיין, וועלכער זאל ניט מיינען, אז ער קאן לייזען דורך דיזען סימן דיא פראגע וועגען עהרליכקייט און ניט עהרליכקייט פון׳ם מיידעל. יעדער אונוויסענדער מאן מיינט, אז מען קאן פשוט אויסגעפינען מיט די אויגען און מיט די הענד אויב זי איז געוועזן עהרליך.

און וויפיעל דיא פילאזאפען און מאראליסטען זאלען ניט ריידען, אז דער עיקר איז די ריינקייט פון הארץ און נשמה און אז די אונשולדיג־קייט איז ניט צו דערקענען דוקא פון דיזע פיזישע סמנים — פאר דעם המון, פאר דעם פראסטען מענשען בלייבט אבער איין צייכען. אנדערש וויל ער ניט פארשטעהן. פאר איהם צו טהיילען זיך אלע פרויענצימער אויף מיידלעך—יונגפרויליכע, און אויף ווייבלעך—ענטעהרטע. וואס וויים ער פון פיזיק מיט דער לעהרע פון ווידערשטאנדס־פעהיגקייט פון עלאס־טישקייט? וואס וויים ער פון געאמעטריע מיט דיאמעטערס, וואס לייזען א פראבלעם איבער וועלכע אזוי פיעל דיינקענדע קעפ האבען געשוויצט!

אין דיזער פראגע זיינען אונוויסענד אפילו א גרויסער טהייל פון די געבילדעטע מאנסלייט; וויפיעל פון זיי לאזען זיך פערנארען און בעד־זיעגען בלויז פון דעם ברוטאלען פאקט נאך וועלכען זיי אורטיילען. און וויפיעל פערגיפטען זיך דעם לעבען דורך דעם געדאנק, אז די פרוי, מיט וועלכער זיי האבען פערבונדען זייער לעבען, האט איהר בלוט פערגאסען ניט אויף דעם אלטאר פון זייער ערשטער ליעבע.

די וויסענשאפט לעהרט אונז מיט בעשטימטקייט, אז אנאטאמיש גענומען האט דיא יונגפרויליכקייט פיעל פערשידענע פארמען; עס קאן פאסירען, אז יענע צייכענס זאלען פעהלען ביי א פרויענצימער, וועלכע

האט קיין מאהל אויף זיך ניט געפיהלט אפילו דעם אטהעם פון א מאנס־פערזאָן. איך אליין האב אין מיין ערפאהרונג אלס דאָקטאָר געזעהן א פאל פון א גאַנץ יונג מיידעל, וועלכער עס האט געפעהלט יענע וויב־טיגער זיעגעל, מיט וועלכער די נאַטור היילינגט דיא יונגפרוי; און ווען איך האב געזעהען די ארעמינקע נעביך, האב איך געזיפצט טראַכטענ־דיג ווי טרויעריג וועט איהר שיקזאל זיין ווען זי זאל אריינפאלען אין האנד פון אן אונוויסענדען מענשען, וועלכער וועט דערפון אורטהיילען איבער איהר עהרליכקייט און אונעהרליכקייט. אומזיסט וועט זיין פאר איהר, וואס זי וועט זיין ריינער פון א מלאך — דער גראבער יונג וועט איהר ניט גלויבען.

אבער אפילו דאָרט, וואו פון דער געבאָרענהייט אליין פעהלט עס איהר ניט, קאן אויך אמאל א שטויס בלויז, אמאל א פאל, אמאל א צו העפטיגע שטיפעריי גאנץ אונשולדיג, אדער אן אנדער וועלכע עס איז גאנץ אונשולדיגע אורזאכע קאן צורייסען דאס וועגטעל, וואס דינט פאר פיעלע אלס דער איינציגער און זיכערער צייכען פון אונשולד, עהר־ליכקייט און ריינקייט.

און ניט דאָס אליין. אין דער פריהסטער קינדהייט, ווען אין גאנצען אונבעקאנט, קאן אמאל א פרעכע שטיפעריי פון א פריה צייטיג געוואָרענעם אינגעל אדער דער פארברעכערישער באַגעהר פון אן אלטען בעל־עבירה בעשעדיגען דאס הייליגטהום און פאַרלעצען די יונגפרוליכ־קייט, ווען זיא איז דאַבײ אבסאלוט ריין, אונשולדיג און ווייס ניט פון וואס צו זאגען. איהר הארץ איז געבליבען ווי א ריין שפיגעל, אויף וועל־כען עס איז ניט געוועזן אפילו דער מינדעסטער הויך פון אן אטהעם.

און ווען דיזעלביגע ווערט עלטער, ערוואקסען און דערוויסט זיך אלס יונג־מיידעל פון דיא געהיימניסע פון דער ליעבע, קאן זי מיט פולען רעכט פיהלען זיך ריין און שטאָלץ און האלטען הויך איהר קאָפּ, ניט האבענדיג גאר קיין אהנונג אז איהר פעהלט דער פיזישער בעווייז פון איהר ריינקייט און אונשולדיגקייט.

וויפיעל פאמיליענ־אונגליקען עס קומען אבער ארויס פון אזעלכע פעלע! וויפיעל חופּה־נעכט זייגען געוואָרען נעכט פון טרויער און יסורים! וויפיעל הייליגע פערבינדונגען זיינען צוריסען געווארען דורך איין פער־דאכט, דורך א פערלוימדונג—פערבינדונגען, וועלכע דארפען זיין און וואלטען געווען דער קוואל פון ריינסטען גליק און פרייד! וויפיעל יונגע לעבענס זיינען גרויזאם פערניפטעט געוואָרען איבער דער ברוטאלער עלאסטיציטעט פון א הייטעל, וועלכע קאן לייכטער צושטערט ווערן איידער א קליין וואלקענדעל פון דעם ערשטען ווארעמען זוננ־שטראהל!

און איהר אלע וועלכע אורטיילט אזוי לייכט ווענען דער עהרע פון דער פרויענצימער; איהר אלע, וועלכע רעדט מיט אזא געוויסהייט און אזוי שטריינג ווענען דער ריינקייט פון הערצער און ווענען מיידעלשע עהרליכקייט — האט איהר גאר קיין מאהל ניט א טראכט געטאהן ווענען יענע אונצעהליגע געפאהרען, דורך וועלכע עס קומט אויס דעם וואקסענדען מיידעל דורך צוקעמפפען!

זי איז שעהן, זי ווערט באגעהרט פון דער גאנצער וועלט און זיא מוז, בעפאר זיא ווערט פערהייראט, קעמפפען געגען איהר אייגענער אונוויסענהייט און געגען דעם באגעהר פון אנדערע, געגען איבעראשונג פון איהר אייגענער לײדענשאפט און געגען די קונציגע מיטלען פון פער־פיהרונג, וואס ווערען אנגעווענדעט געגען איהר.

בלויז איין אונפאָרזיכטיגקייט, איין מאמענט פון שוואכקייט, איין אוינענבליק פון רייצבארער נייגערינקייט, קאן שוין זיין א הויך, אבוואהל נאך ניט קיין פלעק, אויף דער ריינקייט און עהרליכקייט פון א מיידעל, וואס האט זיך געקאנט זיין ביז דיזען מאמענט ריין ווי קריסטאל. ניין— די יונגפרויליכקייט איז א וויכטיגע זאך; זי איז דער שטראהלענדער דימענט אין דער קרוין פון מיידעלשער עהרליכקייט. אבער דאס איז נאך ניט אלעס, דאס איז נאך ניט דיא גאנצע פרויענצימער און ניט די גאנצע עהרליכקייט.

פארקעהרט. וויפיל בעל־עבירה'ניצעס זיינען פאראן, וואס זיינען

צולאָזען, ווי ווייט צולאָזענקייט קאן נור געהן, און פארשטעהען אבער די קונץ ווי נאך אלעמען אויפצוהאלטען יענעם פיזישען בעוויז פון עהר־ליכקייט און זיי דינען דערנאָך אלס מוסטער פון אונשולד, ווען זיי ברייננען די צייכענס פון אונבעריהרטקייט אויף דעם אלטאר פון אפיצ־יעלער ליעבע, נאך דעם וויא זיי האבען זיך שוין גענוג אנגעזינדיגט.

וואס פאר א טהייערער, ריינע מציאה! א פלייש־הייטעל גאנץ געבליבען אויף דעם לייב פון א פראסטיטואירטער באשעפענים! א בלומרשטע בלום אין בלאטע אויסגעוואקסען. און דיא מענער האבען הנאה פון אזא בלום מיט הייליגער ענטציקונג, נאך דעם ווי זיי האבען פיעלייכט בעליידיגט און אוועקגעשטויסען א ריין, אונשולדיג מיידעל, ווענען עס האט געפעהלט דער פיזישער זיגעל — עפעס ווי א געלד־בריעף, וועלכען דער פאסט־בעאמטער נעהמט ניט אן, ווייל די מארקע איז ניט גוט צוגעקלעפט.

וויפיעל מאהל איך האב געהאט פערדרוס, ווען איך האב זיך דערמאנט, אז די מעהרסטע מוטערס מוסר'ן שטריינג זייערע טעכטער מיט איין געבאט: היט אב אייער פיזישע יונגפרוילכקייט! וויפיעל מאל איך בין אויפגעבראכט געווארען אויף דער מאדערנער מאראל, וועלבע פאדערט פון דער פרוי: פריהער פון אלעם נור קיין סקאנדאל ניט! דאס איז אלזא די מאראל פון דעם פארטגעשריטענעם יאהרהונדערט: „היט נור אב דעם זיעגעל, ווייטער מאכט ניט אויס וואס מיט דיר איז ניט פארגעקומען!"

דיזע איבערטריבענע, ברוטאלע, בעסטיאלישע בעדייטונג, וואס דיא מאדערנע געזעלשאפט לייגט אויף דעם פשוט פיזישען צייכען פון מיידעלשאפט האט געפיהרט צו דער עקעלהאפטער קונסט, קינסטליך צו פאבריצירען די צייבענס פון אונשולד — און דיא דומע מענער זיינען ענטציקט פאר פרייד, וואס זיי האבען געטראפען אויסצוקלייבען אן אונ־שולדיגע, אן אונבעריהרטע. די פראסטיטוציאן פון אזא צייט ווי אונזע־רע האט ניט געקאנט אויסטראכטען קיין ציניטשערע חוזק־מאכעריי פון

אזא איינגערעדטען בעווייז פון עהרליכקייט.

איהר האט פון דער עהרליכקייט און אונשולדיגקייט פון דער פרוי געמאכט א בעמישע, א פיזישע אידעע — נו האט דיא וואקסענדע ציוויליזאציאן געפונען א מיטעל ווי אייך דעריין צו בעדינען, אז אייך זאל געפעלען זיין: די פ א ב ר י צ י ר ט אויך פיזישע יונגפרוישאפט פון דאס בלוט פון א חיה, אדער פון א בעמישען זאלץ און נאך מיט א ביסעל ק ו נ צ ע ן דערביי און איהר זייט צופריעדען.

דיא יונגפרויליכקייט עקזיסטירט, זיא לעבט אין דער פיזישער נאטור פון דער פרויענצימער, זי לעבט אין דער הייליגקייט פון דער עפענטליכער מאראל; אבער זי בעשטעהט ניט דעריין, וואס א וועלבע עס איז פליישהייטעל איז געבליבען גאנץ. זי בעשטעהט אין דעם מאראלישען פאקט, וואס דאס הארץ איז ריין, וואס דער כאראקטער איז זויבער און אונשולדיג. זי בעשטעהט דעריין, וואס די פרויענצימער האט זיך נעמענט געליעבט זיין פון פיעלע און פון זיי באגעהרט זיין, זי האט אבער קיינעם ניט געהרט האט צו קיינעם ניט בעלאנגט, ניט פיזיש און ניט גייסטיג, ניט מיט איהר קערפער און ניט מיט איהר נשמה, ניט מיט איהר ליידענשאפט און ניט מיט איהר הארץ.

די יונגפרויליכע פרויענצימער פיהלט, אז זי איז ריין, אונשולדיג, אז זי האט געזיפצט און האט באגעהרט, האט אבער איהר הארץ קיין מאן נאך ניט געשיינקט; זיא האט מיט קיין זאך ניט געזינדיגט, מיט קיין געדאנק פון איהר זינען, מיט קיין פאדעם פון איהר הארצען, מיט קיין איינציג זאך פון איהר חן; זיא איז ריין ווי א קוואל, וועלבע פליסט ארויס פון די פעלזען און וועלכען קיין פוס פון א מענשען האט קיין מאהל ניט שמוציג געמאכט; זי איז אונבעפלעקט ווי דער צארט־ווייסער שנעע אויף דיא אלפען־בערג, וועלכען קיין פליגעלע אפילו האט נאך ניט אנגעריהרט.

דיא יונגפרויליכע פרויענצימער איז בלויז צוויי מאהל געזעהן גע־ווארען נאקעט: און דעם טאג וואס זי איז געבוירען געווארען האט איהר

די מוטער געזעהן, און אין דעם טאָג, ווען זי האט זיך ערשט דערפיהלט אלס פרויענצימער, האט זי זיך אליין דערזעהן און איז רויט געווארען און האט זיך געשעהמט און האט געוויינט און האט געפרעגט די נאטור וועגען דער אורזאכע פון דער טרויעריגער געהיימניס. א נאקעטע זעהט זי בלויז נאך איין מאן, אבער ערשט נאך דעם ווי זיא האט איהם איהר הארץ געשענקט; אויך דאן ווערט זי רויט, און נאָך רויטער ווי ווען עס איז אין איהר לעבען. און די פיזישע און מָאראלישע יונגפרוי פאלט הילפ־לאָז פאר די פיס פון דער ליעבע און ווערט א פרוי און א מוטער.

און איהר — איהר מוטערס, וועלכע זייט אליין א מאל מיידלעך, יונגפרויען געוועזן; איהר, וועלכע רעדט פון דעם ווערטה פון יונגפרויליכע ריינקייט, גיט אייערע טעכטער א לעקציאָן ניט בלויז אין דער אנאטאָ־מיע און פיזיאלאגיע פון זייער קערפער, אין וואס זיי נויטיגען זיך אפשר גאָרניט, גיט זיי א לעקציאָן אין דער מאראל. זאָגט זיי, אז דעם געליעב־טען מאן דארף מען זיך אבגעבען אין גאַנצען און אז דעם אונגעליעבטען מאַן טאָר מען קיין זאך ניט ערלויבען. זאָגט זיי, אז מען קאָן פיזיש זיין א יונגפרוי און דאך מאראליש זיין פערדארבען, זיין א פראסטיטואירטע.

זאָגט זיי, אז פאר דער ערשטער ליעבע דארף מען אלע אוצרות שפארען און ניט בלויז אויפהאלטען איין שטיקעל ציערונג, דיא יונגפרוי־ליכקייט; זאָגט זיי, אז די גליקליכע צוקונפט פון זייער ליעבע הענגט אב דערפון, אויב זיי האבען אלע רייכטימער, וועלכע דיא יונגפרויליכקייט פערמאָגט, אבגעהיט אונבעריהרט. זאגט זיי, אז דיא נאטור פערלאַנגט אין איהר געהיימניספולען ווילען, אז דיא פרוי זאל די הנאה פון דער ערשטער ליעבע אונטער גרויסע שמערצען געניסען און דארום וועט עס איהר מארטירערשאפט פערלייכטען, ווען מיר וועלען זיא פערהערליכען, שעצען, און דאס וועט פיהרען צו איהר גליקליכען פערהייראטען לעבען.

מיר מוזען די פיזישע יונגפרוי מאראליש פארשעהנערען און ער־הויבען זי צו אן אידעאליסטישע שטופע, אז זיא זאל אונז ערשיינען ווי דאס הייליגע בילד פון א מלאך, מיט א רעגענבויגען בעקראנצט, וואו

לעבען דיא טהרערען פון דעם ערשטען שמערץ זאל דיא זונן פון ליעבע אויפגעלאנצען אלס א צייכען פון פריעדען נאך א שטורעמדיגען קאמפף.

## די ערזאבערונג און די געשלעכטליכע תאוה.

פונקט ווי דער מענש קאן פון איין זייט ערהויבען זיין ליעבע ביז אין די העכסטע ספערען פון אידעאל, אזוי קאן ער זיך פון דער אנדער זייט בעריהמען, אז איהם איז פון דער נאטור געגעבען געווארען דער רייכסטער בעכער פיים געגוס פון ליידענשאפט. יא, ער קאן זיך ריהמען אז ער איז דער ערהאבענסטער ליעבענדער אויף דער ערד, און ער קאן זיך אויך ריהמען, אז ער איז דיא איינציגער באשעפענעס, וועלכע קאן שטארבען פון פייעריגער ליידענשאפט און רוישענדער תאוה.

וואס פאר א גוואלטיגע ערשיינונג עס איז דיא ליעבעס-אומאר-מונג פון א מאן און א פרוי! אזוי גוואלטיג, אז דער מאהלער מוז זיין פינזעל אוועקלייגען, ניט זייענדיג אין שטאנד צו מאהלען דעם שטורעם פון די געפיהלען; דער פיזיאלאג פערבלאנזשעט אין זיינע וויסענשאפט-ליכע צוגכיעדערונגען און דער פילאסאף ווערט צומישט בעטראכטענ-דיג די גראנדיעזע ווילדקייט און די ערהאבענקייט פון יענעם אקט, ביי וועלכען יעדער מענשליכע קראפט בריינגט זיך צום אפפער, כדי א מענש זאל בעשאפען ווערן.

דער אפען אויסגעשפראכענער אדער שטיל פערשוויגענער צוועק פון יעדער ליעבע, דער טרוים פון יעדער יונגפרוי און די בעפריעדיגונ-פון יעדער באגעהר, די יסורים און דער תענוג פון יעדער מאן— איז די ליידענשאפט, די תאוה, דער גרעסטער זינליכער געגוס. אבער די תאוה איז אויך דער טיעפער אברונד, אין וועלכען די געמיינשאפטליכע ליעבע פאלט ביי יעדען טריט און וועלכער פערשלינגט אויך גאנץ גרויסע מענשען.

תאוה ! א שרעקליך ווארט, וועלכעס דערמאהנט אויף דיא פייערינסטע סצענען פון לעבען און אויף דעם גרעסטען כאאס, וואס קומט פאר אומעטום, וואו נור א נייער ארגאניזם ענטשטעהט אדער פארגעהט. א כאאס, אין וועלכען גוטעס און שלעכטס קומט זיך צונויף צו פערמישענס— א כאאס, אין וועלכען מלאך און חיה נעהמען זיך ארום און געהן איבער איינע אין די אנדערע,— א כאאס, אין וועל־כען די מענשליכע אינדיווידואליטעט פערשווינדט אין גאנצען אויף אן אוינענבליק און אנשטאט דעם ווערט א פאנטאסטישע באשעפענעס האלב מאן האלב ווייב, האלב גאט האלב דעמאן, — א כאאס, פון וועלכען א מענש ווערט בעשאפען, אקוראט ווי פון יענעם ערשטען תהו ובוהו, פון וועלכען דאס מעכטיגע ווערט „יהי אור״ האט ליכט ארויס־געבראכט.

עפענט דעם בוך פון פאקטען און לעזט דארט, ווי די שעהנהייט פון סאן־לור, אין סארדיניען האט מיט איהר צו פייעריגער ליעבע גע־טויט דעם יונגען קעניג מארטין דעם צווייטען; ווי די וואונדער־שעהנע קייזערין טהעאדארא האט זיך בעקלאגט אויף דער קארגקייט פון דער נאטור, נאכדעם וויא זי האט שוין אויסגעשעפט דעם געגוס פון אלע תאוות און זי האט באגעהרט א נייעם אלטאר, אויף וועלכען צו בריינ־גען קרבנות פאר דעם גאט פון ליעבע. זי האט שוין אלעמען בעלאנגט, ווען איהר איז נאך געלונגען צו פערליעבען אין זיך דעם קייזער יוסטיניאן, וועלכער האט זיא געמאכט פאר זיין פרוי און האט זיא גערעכענט אלס א מתנה פון גאט. לעזט ווי דוד המלך איז שוין אלס גרייז־אלטער מאן דערוואַרעמט געווארען פון אבישג השונמית.

ווען איהר לעזט דיזע געשיכטעס זעהט איהר די גרענצען צווישען וועלכע עס באוועגט זיך די מענשליכע ליידענשאפט, אלס די קיין מאהל ניט זאט ווערענדע שאפערען פון אזוי פיעל לוסט און אזוי פיעל לייד. און דאך איז פאר דער וויסענשאפט דיא געשלעכטליכע ליידענשאפט ניט מעהר ווי די מעכטיגע בעמישע פערוואנדשאפט, אנגעפיעלט פון

דעם פאלקאָמענסטען לעבעדיגען געהירען.

אין דעם ווערקשאַפט פון א מאַן און א פרוי, זיינען פארגעברייט דיא לעבענס־זאַמען, וועלכע זוכען אויף איינע די אנדערע און ציִעהען אן איינע דיא אנדערע מיט מאַכט; ווען דיא ליעבע דערנעהרט זיי, גאַנצע מיליאָנען, איינע צו די אנדערע, בעריהרען זיי זיך און פערבינדען זיך און ערציהען א מענשען.

וואָס פאר א באַטרעף האָבען די אַלע מלאכים, שרפים, כרובים און די אלע הימעלשע חילות פון גן־עדן געגען דיזע אונצעהליגע מאַסען פון לעבעדיגע ברואים, וועלכע זוכען זיך תמיד אויף דאָס ניי צו אומאַר־מען און צו געניסען איינע פון די אנדערע?

אויב עס איז אמת, אז אין יעדער זעקונדע פאַלט אַראָב א בלאַט פון דער מענשהייטס לעבענס־בוים און פערזינקט, איז עס אויך אבער אמת, אז אין דערזעלביגער זעקונדע פארשמעלצען זיך צוזאַמען מינדעס־טעס צעהען עקזיסטענצען אום ווידער אויפצופלאַמען דעם פאַקעל פון לעבען.

אין דעם אַרעמען הייזעל פון דעם ווילדען און אין דעם פערגילדע־טען זאַל פון דעם פירסט; אויף דעם וויכען העי־געלעגער און אויף דעם אייזיגען שנעע־פעלד, אין דעם שנעלען דאַמפף־צוג אדער אויף דעם קאַמעלען קאַראַוואַן אין מדבר, צווישען די פייכטע ווענד פון גע־פענגעניס אדער אין דער טיעפעניס פון דער ערד, וואהין קיין זונענ־שטראַהל דרינגט קיין מאהל ניט דורך; אין געדיכטען וואַלד אדער אויף דעם זאַמד פון ים — וואו נור עס געפינען זיך אַ ע ר און אַ ז י א און קאָנען איינער דיא אנדערע בעזיצען, דאָרט רינגעלט זיי אַרום דיא תאוה מיט איהרע קראַנצען און רופט זיי צו: „זייט פאַר אַן אויגענבליק געטער!“

ניטאָ קיין ליעבע אָהן געשלעכטליכע ליידענשאַפט, אָבער די גע־שלעכטליכע ליידענשאַפט אליין איז נאָך ניט די ליעבע. פּונקט אַזוי ווי דאָס לעבערליכע וואָס מען רופט „פּלאַטאָנישע ליעבע“ איז קיין ליעבע

ניט. די תאוה אליין ווי די פּלאטאנישע ליעבע זיינען קראנקהייטען און זיי זיינען בלויז מעגליך, ווי מעגליך עס זיינען די פיזיש קראנקע, ווי למשל טויב־שטומע, הינקעדיגע, קריפּעלס, אדער ווי עס זיינען מעגליך ריעזען און קארליקעס. דאס זיינען אבער אלץ ניט קיין נארמאלע ערשיינונגען.

עס איז ניטא קיין זינד, וואו מען זאל ניט בעזיצען דעם בעזינגטען געגענשטאנד, עס איז ניטא קיין ליעבע, וואו עס זאל דערביי ניט זיין קיין ליידענשאפט. שניידט אראב פון דעם בוים זיין בליהונג, פון דיא בליהונגען זייער פרוכט און איהר וועט דאן האבען א שטיקעל בילד פון יענער ליעבע אהן טעם און אהן ריח, וועלכע האלט זיך אב אויף דעם שוועל פון טעמפּעל — איז פוסט און נאקעט אהן מעשים טובים און אהן צולאזענקייט.

אפטמאל דארף דיא פפליכט שטארקער זיין פון דער ליעבע; עס טרעפט אפט אז געזעץ און עהרע פערבאטען די ליעבע, און די ליעבע מוז זיך דאן אונטערווארפען דעם מאכט־געבאט. אבער בעסער צו זיין העלדען פון פפליכט אלס צו זיין רויבער. ווען איהר ליעבט זיך באמת איינע דיא אנדערע, ווען איהר קאנט ליעבען, דאן ליעבט זיך אין נאמען פון דער נאטור, אין נאמען פון געהייליגטען רעכט. וויפיעל ליעבענדע האב איך געקענט, וועלכע האבען לאנג געפלאפּעלט סענטימענטאל פון פלאט־אנישער ליעבע און נאך די ביטערע טהרערען און נאך די זיסע שבועות האבען זיי זיך איבערגעגעבען דער פערדארבענסטער צולאזענקייט.

וויפיעל ליעבענדע האבען געוועלט אויסמיידען דיא ליידענשאפט־ליכע בעפריעדיגונג אלס א זינד און זיי זיינען אריינגעפאלען אין פער־דארבענהייט און פערברעכען; זיי האבען געוועלט די שולד אויסמיידען און האבען געענדיגט מיט פראסטיטוציאן! איינס פון די ביידע: ענטוועד־דער אלעס אדער גארנישט — אזוי איז דער באפעהל פון דער ליעבע. זייט פאר אייער טהייערסטען אלעס און פאדערט, אז מען זאל צו אייך אויך זיין אלעס; טהיילט ניט דאס, וואס לאזט זיך ניט טהיילען. פרופט ניט צווינגען דאס, וואס איז אלעמעכטיג; אונטערדריקט ניט דאס וואס

לאָזט זיך ניט בעזיגען. מיט דער ליעבע שפּאַסט מען ניט, מען אונטער־האַנדעלט ניט, מען מאַכט מיט איהר ניט קיין משא־מתן.

ליידענשאַפט אָהן ליעבע איז שטענדיג אונמאָראַליש, ווי ריין און ווי איינפאַך זי זאָל ניט זיין; זי איז אונמאָראַליש אפילו דאָרט, וואו מען מיינט אַז דאָס איז בלויז פון געזונדהייט וועגען. מ י ט דער ליעבע איז אויך די תאוה זיטליך און די אויסגעדרשנטע פּרישות פון גלחים איז פערדאָרבענער אַלס די פייערינגסטע אומאַרמונג פון צוויי, וואָס ליעבען זיך.

די געשלעכטליכע ליידענשאַפט איז אונבעגרענצט ווי דאָס ליכט און אונערשעפּליך ווי די זונן; זי בעוועגט זיך צווישען צוויי אונענדליכ־קייטען, צווישען דעם באַגעהר און דער אָבשוואַכונג; איהרע גרענצען בלייבען פערבאָרגען פאַר דער מענשליכער פאַמיליע — האָט זיא דאָך געלעבט מיליאָנען פון יאָהרהונדערטען.

זי איז אַ ליכט, וועלכע נעהמט אַרום אַלע זאַכען ווי מיט אַ קראַנץ פון רעגענבויגען און פערגאָלדעט זיי. די תאוה באַשטעהט ניט בלויז אין דער געשלעכטליכער אומאַרמונג, זי בעשטעהט שוין אין דער בעריהרונג פון די קליידער אפילו, אין בעריהרען די האָאַר, אין יעדען האַנד־דרוק, אין יעדער געמיינשאַפטליכער בעוועגונג, אין יעדער בעריהרונג פון צוויי לייבער ליגט תאוה. אַ רחמנות איז אויף יענעם, וועלכער האָט דעם רויש פון ליידענשאַפט געטרונקען בלויז פון ווענוס'ס בעכער! די פּרויענ־צימער קאָן אַזאַ לעהרנען בעסער, זי איז די קליגסטע לעהרערין פון דער פיינסטער און ערהאַבענסטער און איידעלסטער תאוה.

די געשלעכטליכע ליידענשאַפט האָט ניט קיין ערגערען שונא וויא די צולאַזענקייט, קיין טרייערע שוועסטער ווי די צניעות. ווען דער דיכטער דער מאַהלער, דער סקולפּטאָר וואָלטען געקאָנט אַרויסברייינגען אַ גרופּע, וועלכע זאָל פאָרשטעלען: „דער געָנוס פון ליעבע געפיהרט פון דער האַנד פון צניעות״, וואָלט אַזאַ קונסט־ווערק געוועזען אַן אמת'ע היילינגטהום, דאָס וואָלט געוועזען אַ לעקציאָן אין מאָראַל און אַ גרויס קונסט־ווערק אין דערזועלבער צייט. דער ליעבעס־געָנוס געפיהרט פון

דער האַנד פון בעשיידענהייט איז ווי דיא גליהענדע זונן אומארעמט און פערבארגען פון א כוואליע, ווי א הערקולעס, וואָס לאָזט זיך פיהרען פון א קליין אינגעל.

און איהר אלע ליעבענדע; איהר, וועלכע ליעבען און בעזיצען איינע די אנדערע; איהר, וועלכע בערוישען איינע די אנדערע תמיד אויף דאס ניי, פארגעסט נור ניט, אז די תאוה איז ניט דאס ברויט, זאנדערען דער וויין פון דער ליעבע. ווילט איהר, אז אין אייך זאל בלייבען אויבּיגער דורשט, זאָלט איהר ניט דולדען קיין אנדער געשלעכטליכע ליידענשאפט ווי נור אזא וואס געהט צוזאמען מיט בעשיידענהייט און מיט שעהמעדיגקייט; איהר דאַרפט שווימען אין די כוואליעס, אבער ניט דערטרונקען ווערן, ניט פערזינקען; איהר דארפט אויפציטערען, אָבער ניט האבען קיין קרעמפּס; שטארבען, אבער ניט טויט זיין.

די שעהמעדיגע תאוה איז יענע אוצר, וואָס די נאַטור האָט געגעבען דער פרוי, כדי דאָס זאל פאַר איהר זיין א קוואַל פון פרייד — דארום דאַרפט איהר זי רעספּעקטירען ווי דעם גליק פון דער פרוי. און די מוטערס דארפען דיזע שעהמעדיגקייט און בעשיידענהייט אין זייערע טעכטער ערציהען. ווארום איך זאג אייך דעם אמת, אז אין אונזער מאדערנע געזעלשאפט געפינט מען אָפט מעהר שעהמעדיגקייט ביי דער נידריגסטער געפאלענער פרוי איידער אלס ביי מאַנכע פרויען, וועלכע געהערען צו אלטע, אימפּאטענטע מענער, פון וועלכע זיי קאָנען קיין ליעבע ניט ערווארטען, זאָנדערען בלויז בעליידיגענדע פראסטיטוציאָן מיט אלע גרויליגע מעשים פון עקעלהאפטע אבשטויסענדע אונמעבּטיגקייט.

—{|}—

# ווי מען קאן די ליעבע אויפהאלטען און ווי מען קאן זי טויטען.

דער מאן, וועלכער שטעהט נאך אויף דער מדרגה פון א חיה, פאר אזא איז די ליעבע ניט מעהר ווי א געשלעכטליכער באגעהר— א באגעהר, וואס ערוועקט זיך, ווערט בעפריעדיגט און דאן פערשווינדט ער. אזא מאן איז פשוט גלייך צו א היה און ניט מעהר. ווען אפילו זיין באגעהר העננט ניט אב פון דער בריהונג צייט ווי ביי חיות, ווען אפילו זיין באגעהר ערוועקט זיך ניט דוקא אין פריהלינג אדער אין הערבסט, אבער זיין ליעבע איז דאך בלויז אן עראטישע, א פאריבערגעהענדע ליעבע, וועלבע שטארבט אב נאך יעדען מאהל בעפריעדיגונג און לעבט אויף בלויז, ווען ער איז ווידער גערייצט.

דאס אויפגערעגטע פלייש בעצייכענט דאס ענטשטעהן און דאס בערוהיגטע פלייש בעצייכענט דאס פערגעהן פון זיין ליעבע. עס קאן גערייצט ווערן ווידער פון דערזעלבער פערזאן אדער פון אן אנדערער, דאס איז פאר איהם ניט וויכטיג. איהם מאכט ניט אויס ווער און וואס די פערזאן איז צו וועלכער ער ווערט גערייצט, און עס העננט נור אב פון אומשטענדען, אין וועלבע ער לעבט צו ער זאל זיין א מאנאגאם אדער א פאליגאם, א זיטליכער מענש אויס געווענהייט אדער אן אויסגעלאסע־נער בעל־עבירה אויס קאפריז.

דער סארט ליעבע איז מעהרסטענס צו געפינען ביי פיעלע מענשען מיט ברוינער הויט־פארב, וועלבע קאנען תמיד נור איין ב די ־צימער ליעבען אויף דאס ניי. די געשיכטע פון זייער ליעבע, איז א מין שנור מיט ווענעציאנישע פערעל, אויף וועלכער נאך יעדען בעפריעדיגטען באגעהר טהוט זיך אן א נייע פערעל. און ווען אפילו די קאלירען פון די איינצעלנע פערלען אונטערשיידען זיך ניט שטארק, קאן דאך דערפ ן

זיין א צירונגס־שנור, גועלבער קאן בעפוצען דאס האלז פון גאנץ אנ־שטענדיגער זיטליכקייט.

די גאנצע קונסט אויפצוהאלטען די ליעבע בעשטעהט סך הכל דעריין: דעם באגעהר אנצוהאלטעז און באלד נאך דער בעפריעדי־גונג פון׳ם באגעהר ווי מעגליכסט ווידער באגעהר צו ערוועקען. דער איבערגעריסענער עלעקטרישע שטראם מוז צוזאמענגעבונדען ווערן מיט נייע קראפט אין דער מיטען, וואס זאל דעם צווישען אויספיעלען און זאל איהם מאכען ווי איין פארטוועהרענדען שטראם — דעריין ליגט דער גרויסער סוד ווי אויפצוהאלטען די ליעבע.

אזוי לאנג ווי דאס פערלאנגען איז נאך ניט געשטילט געווארען, אזוי לאנג ווי דער באגעהר איז נאך ניט בעפרידיגט געווארען און דער קאמפף האט נאך ניט געבראכט צום זיעג, האלט זיך די ליעבע ניט נור אויף, זאנדערן זי האלט אין איין וואקסען, אין איין שטייגען. דערפאר זארגט די פרויענצימער, אז דאס גליק זאל לייגער געדויערען, ווען זיא פערלייגערט דעם קאמפף פאר דער פערווירקליכונג פון דער ליעבע.

און אזוי ווי די פרויענצימער שטימט זעהר זעלטען צו אין אלעס אויף איין מאהל און דער זיעגער געווינט זיא בלויז בּיסלעכווייז, דארום הערט ניט אויף דאס וואקסען און דאס ניי אויפלעבען פון דער ליעבע מיט יעדער שטיקעל זיעג וואס ווערט עררייכט. און ענדליך קומט דער טאג פון דעם לאנג־ערווארטעטען פאלשטענדיגען זיעג און די אומאר־מונג פארשמעלצט צוויי עקזיסטענצען צוזאמען און עס זאמעלט זיך די לאווא און די ליידענשאפט פון צוויי וועזענס אין איין כלי.

אבער אפילו דארט, וואו די ליעבע איז אזוי נידעריג, אז זי בּענוּ־גענט זיך מיט דער שטילונג פון דער תאוה, איז אויך איין אומארמונג ניט גענוג אום זי צו בעפרידיגען און צו שטילען דעם דורשט. און ווער קען דאס זאגען, אז ער האט א פרויענצימער פאלשטענדיג באזעסען אין איין איינציגער נאכט? די מענשליכע שעהנקייט איז אזוי גרויס און אזוי פיעלזייטיג און די עסטעטישע פאדערונגען זיינען אין אונז אזוי איידעל

אויסגעבילדעט און אזוי פייעריג, אז אפילו די פיזישע בעפרידיגונג אליין דויערט זעהר לאנג און ווערט תמיד בענייט דורך נייעם געניס און זיא ווערט יעדעס מאהל ווידער יונג און אזוי האלט זיך אויך די ליעבע.

די פערשיעדענע אופנים פון רייצונגען און פון תאוה צווישען די צוויי געליעבטע און פון זייער „קונסט צו ליעבען" העננט אב די דויערהאפט־קייט פון אזא ליעבע; אין מאנכע פעלע קאן אויך אזא ליעבע זעהר לאנג דויערן, אבער דאך וועט זי קומען צו אן ענדע. עס קומט דיא שטונדע ווען דער רויער ווינד פון דער צייט רייסט אראב די ראזיגע בלעטער פון דער מענשליכער שעהנהייט; עס קומט די שטונדע, ווען אין בעכער פון תאוה בלייבט ניט קיין איין טראפען ליעבעס וויין און ווען עס קומט דאן ניט צו עפעס אן אנדער רייצונג, דאן שטארבט דיא ליעבע און קיינע ניסים אין דער וועלט וועלען זי ניט ראטעווען פון זיכערען טויט. ווארום דיא קראפט פון אזא ליידענשאפט איז געקומען בלויז פון דער תאוה און פון דער שעהנקייט — און ווי נור אויס שעהנקייט און אויס תאוה איז אויס קראפט פון ליידענשאפט און דער מיט קומט דער סוף צו אזא ליעבע.

דערפון איז צו זעהן, אז ווען מאן און ווייב קאנען ניט ארויסברייני־גען קיין נייע קראפט פון סימפאטיע איינער צום אנדערן, קאן צווישען זיי אויך ניט ענטשטעהן קיין נייע פערבינדונג און עס קאן ניט ארויסקר־מען קיין ליכט און קיין ווארעמקייט פון זייער בעריהרען איינער דעם אנדערען.

אויף אזא'ן אופן פערשווינדעט מעהרסטענטהייל דיא נידריגע ליעבע און מען קאן זאגאר פאראויס בארעכענען ווי לאנג זי וועט דויע־רען: מען דארף נור בעטראכטען די שעהנקייט פון דיביידע ליעבענדע. זייער יוגענד, זייער ליידענשאפטליכקייט און זייער קונסט צו ליעבען. אזא ליעבע קאן דויערען אמאל א שטונדע, א טאג, א מאנאט, א יאהר, צעהען יאהר; אין זעהר זעלטענע פעלע קאן זי דויערען אזוי לאנג וויא לאנג עס געוועהרט די פעריאדע פון מענשליכער יוגענד.

אבער אין דעם העכער ענטוויקעלטען מענשען דארף אזא ליעבע ניט זיין. מיר וויכען אונזערע אויערען האלטען העכער און קוקען ארויף צו אן אירעאל פון ליעבע; מיר דארפען באגעהרען א ליעבע, וועלכע זאל דויערען אזוי לאנג ווי דאס לעבען און וועלכע זאל אויפהערען בלויז דאן ווען דאס לעבען הערט אויף. און אזא ליעבע הענגט ניט אב פון דער אויסערליכער שעהנקייט. שטעלט זיך פאר, צ. ב. ש. יעדער געזונדער מאן קאן זיכער איין פרויענצימער געשלעכטליך בעפריעדיגען, און יעדער געזונדע פרויענצימער קאן זיכער איין מאן געשלעכטליך בעפריעדיגען. אבער ווי פיעל וועט איהר דען געפינען צווישען מענער און פרויען אזעלכע וועלכע איהר זאלט קאנען בעצייכענען אלס שעהנע? איהר וועט אזעלכע געפינען קוים צעהן פון הונדערט. וואס זשע בלייבט מיט דיא אנדערע ניינציג, וועלכע קומען ניט נאך אין די פארמען פון זייער קערפער דעם בעגריעף פון שעהנקייט? זאלען זיי ניט ליעבען, זאלען זיי ניט געליעבט ווערען?

ביי דעם גייסטיג ענטוויקעלטען מענשען הייסט אין דער ווירקליכקייט ניט שעהנקייט בלויז די שעהנקייט פון די אויסערליכע פארמען פון קערפער און די ליעבע פון אזא ענטוויקעלטען מענשען בעשטעהט ניט בלויז אין תאוה אליין. עס איז קיין פראגע ניט, אז דארפענדיג ארויסבריינגען נייע מענשען, טאר די געליעבטע פערזאן ניט זיין קיין קראנקע קיין קריפעל. דאס איז א היגיענישע פאדערונג. אבער די ליעבע גופא ענטשטעהט ניט ביי דעם ענטוויקעלטען מענשען בלויז צו ליעב איהר שעהנקייט, צוליעב זיין תאוה און קאן ניט בלויז אזוי לאנג דויערען ווי לאנג זי איז נאך יונג. די פאלקאמענע ליעבע קומט ארויס פון בעטראכטען און בעוואונדערן אלע מינים שעהנע מעלות, וואס זיינען אויסער דער אויסערליכער שעהנקייט פון קערפער. אזוי אז ווען עס פערשווינדעט די קערפערליכע שעהנקייט בלייבען אלץ יענע שעהנע מעלות, פון וועלכע עס קומט ארויס די ליעבע. און אזא ליעבע וועט שוין ניט פערשווינדען דערפאר וויל איהרע בעקעלעך זיינען געווארען בלייכער, וויל איהר יונגקייט

איז שוין פאראיבער אדער ווייל ער איז שוין ניט אזא בעל תאוה ווי אמאל.

אין אזא העכערען סארט ליעבע איז ניט מעגליך, אז נאך דעם ווי עס ווערט בעפריעדיגט די ליידענשאפט זאל דיא ליעבע אויפהערן. האבען מיר אין דער געליעבטער פערזאן אמאל געליעבט דיא שעהנקייט פון איהרע קערפערליכע פארמען, ליעבען מיר זיא דערנאך שטארק און אויפהערליך פאר דער שעהנקייט פון איהר כאראקטער, פאר איהר גוט־הארץ, פאר איהר פערשטאנד, פאר איהרע אידעען, פאר אלעם וואס מאכט א מענשען פאר נאבעל, שעהן און עדעל.

די בעזונדערקייט פון דעם כאראקטער אין דיא געשלעכטער, דיא בעזונדערקייט אין׳ם ארט דיינקען פון דעם מאן און דער פרוי, האט אויך א טיעפע בעדייטונג פאר דער ליעבע. מיר ליעבען אין דער פרוי דעם גוטען, ווייכען, צארטען, איידעלען כאראקטער, וואס גיט איהר צו אזוי פיעל חן אין אונזערע אויגען. פונקט ווי אין דעם מאן ווילען מיר גע־פינען מעהר מוטה, מעהר ענערגיע און דאס גיט צו פיעל צו דעם גוטען איינדרוק וואס ער דארף מאכען.

ווען מיר ליעבען א פרוי ניט בלויז דערפאר וואס זי האט א שעה־נעם קערפער, זאנדערען פאר דער גאנצער שעהנקייט און פאר דעם חן פון איהר נשמה, פון איהרע געפיהלען און פון איהר הארצען, דאן קאן ווייניג זיין אפילו א גאנצער לעבען פאר אזא ליעבע און עס וועט פאר אונז קיין מאהל ניט זיין גענוג צו זעטיגען דיזע ליעבע. אפילו שוין דאן, ווען מיר ווערען אלט ענטדעקען מיר אלץ נייע אוצרות, פאר וועלכע זי ווערט אונז טהייער ווי אמאל, טהייער ווי גאר אויף דאס ניי, און דיא עראינערונגען פון אמאל פיעלען אויס די לעערקייט וואס די פערשוואונ־דענע יוגענד האט איבערגעלאזען.

דאס איז דער הויכער טריאומף פון דער מענשליכער נאטור, אין וועלכער די ליעבע לעבט לייגנער אלס דער פייער פון ליידענשאפט, אלס די פערשווינדענדע תאוה, אלס די אבשטארבענדע שעהנקייט פון

קערפּער: א וואַרעמער שטראַהל פון ליכטיגקייט ציטערט ארום דיא זילבּער ווייסע האָאר פון א גרוי געוואָרען פּאאר-פאָלק, וועלכע ליעבּט זיך נאָך אַלץ, וועמעס הארץ און גייסט עס אומאַרעמען זיך נאָך אַלץ אפילו דאן ווען געשלעכטליכער מאמענט האט אויפגעהערט, דען די ליעבּע האט זיך ערהויבּען פון דער נידריגער מדרגה פון געשלעכטליכ-קייט צו דער הויכער מדרגה פון אידעאל. אזא ליעבּעס-בּילד פון צוויי עלטערע מענשען איז איינס פון די שעהנסטע אין דעם גרויסען בּילדער-זאאל פון דער ליעבּע — א בּילד, וועלכען מיר אלע וואלטען וועלען מיט זיך פארשטעלען אויף די עלטערע יאהרען פון אונזער לעבּען

די קוועלען פון פערלאנגען זיינען אזוי פיעל, אז איינע שטייגען, די אנדערע פאלען, נור דער אונגעשטילטער דורשט פון דער ליעבּע געפינט תמיד א כוואַליע פאר זיין בּעפריעדיגונג. די ליעבּע האט אין זיך מעהר ערשיינונגען און געפאהרען ווי יעדער אנדער ליידענשאַפט! נאָך דער אנשטריינגונג פון דער העכסטער קראפט קומט אן אבּשוואַכונג; גלייכגילטיגקייט טרעט אריין נאָך דעם בּרענענדסטען ענטוזיאַזמוס. ניטאָ קיין מעגליכקייט און קיינעם האט דיא נאַטור ניט געגעבּען אזא גליק, אז דער העכסטער עקסטאַז זאָל דויערן לייגנער ווי א בּליץ-שנעלער קורצער מאמענט.

מיר קאָנען זיך ניט שטעלען געגען די געזעצען פון דער נאַטור; מיר קאָנען דיזע געזעצען ניט מאַכען אונטערטעניג צו אונז; אבּער מיר קאָנען דיזע געזעצע פון אונזער נאַטור קירעווען אזוי, אז עס זאל אויס-קומען בּעסער פאר אונז. און דארום זוכט דער מענשען פון אייגענעם פערגעניגען וועגען צו קירעווען אזוי זיין נאַטור, אז נאָך דעם העכסטען עקסטאַז, צווישען איין גענוס און א צווייטען גענוס זאָל אן אנדער גע-פיהל און אן אנדער געדאנק אויספיעלען דעם לעערען שטח און ניט לאָזען פלאַץ פאר קיין גלייכגילטיגקייט. אריבּער די תאוה און די צוויי ליעבּענדע ערפרישען זייער צוגעבּונדענקייט מיט גייסטיגער געמיינ-שאפטליכע טהעטיגקייט, מיט אנגענעהמע עראינערונגען, א. ז. וו.

דאָס איז דיא פאָלקאָמענע, דאס איז די אידעאלע ליעבע, וועלכע האלט זיך אויף ריין, ענדערט זיך ניט און שטראדלט ווי א דימענט אין מיטען פון דעם מוטנעם זאמד פון דעם שטראם. עס זיינען פאראן זעהר וויינינע, וועלכע דערגרייכען דיזען ציעל, אבער עס איז קיין צווייפעל ניט, אז פיעלע קאָנען צוקומען נאָהענט צו דיזען ציעל, און פאר דעם מענש־ליכען גליק און פאר דעם מענשליכען שטרעבען איז שוין גענוג ווען מען קאן לכל הפחות דערגרייכען נאָהענט צו דעם אידעאל און דערזעהען וויינינסטענס פון וויטען, אויף יענער זייט בארג דאס געווינשטע לאנד, דעם ארץ זבת חלב ודבש.

דער מאן, וועלכער שטערט זיין פרוי צו בעטייליגען זיך איין גייס־טיגער טהעטיגקייט, אונטערשרייבט דערמיט דעם טויט־אורטייל פון דער ליעבע; וואָרום ער מאַכט דערמיט ענג איהר לעבען, אז זיא זאָל מעהר ניט וויסען ווי די בעט און די פפליכטען פון א מוטער. און דאס ווייזט, אז זיין ליעבע איז זעהר א פראסטע, א גראָבע, א טהירישע ליעבע, וואָס באשטעהט מעהר ניט ווי פון געשלעכטליכער ליידענשאפט.

איהר מעגט זיך זיין תמיד א קרעפטיגער און פארזיכטיגער מאן— פון דעסטוועגען וועט אייך אפילו וועגוס מיט איהר גאנצער אידעאלער שעהנקייט מיאוס ווערן, אויב איהר ליעבט זי בלויז געשלעכטליך. דער־נאך בעקלאָגט איהר זיך אויף דער פוכטקייט פון ליעבע, אז זי דויערט ניט לאנג; איהר ווערט ענטוישט און פארשילט זיך דאָס לעבען. און דאס איז אלץ דערפאר, ווייל איהר ווייסט ניט וויא צו נעהמען דאס לעבען.

מען רעדט שוין ניט דערפון, וואָס די גערעכטיגקייט צו דער ווייב פאדערט, אז מיר זאלען איהר לעבען ניט אזוי ענג מאכען, ניט אזוי פארשמעלערען, זי זאל בלויז דארפען אינטערעסירען זיך מיט׳ן שלאָפ־צימער און מיט דער קיך — נור אבער אפילו פון אונזער אייגענער הנאה וועגען איז עס נויטיג, אז זי זאָל וויסען פון א ברייטערען לעבען און זאל זיך אויך בעטייליגען אין גייסטיגע טהעטיגקייט. עס איז שוין געמאכט

געווארען א גרויסער שריט אין דיזער ריכטונג; די פרוי איז שוין איצט ניט בלויז א ווייב אין הארעם און ניט בלויז א פאמיליען־מוטער, אבער דאך פארנעהמט זי נאך לײדער פארלויפיג ניט א גלייכער שטעלונג מיט דעם מאן אין דער געזעלשאפט.

עס איז ניט גענוג, וואס זי איז פון א ביישלעפערין, ווי מען האט אמאל אויף איהר געקוקט. געווארען שוין מיט חסד דיא לעגיטימע מוטער — עס בלייבט נאך א גרויסער שריט, וועלכער דארף פאר איהר געמאכט ווערן. זי דארף ווערן א מענש, א ווייבליכער מענש, אן עדעלע און צארטע באשעפענים, וועלכע זאל צוזאמען מיט אונז, מענער, דיינ־קען און פיהלען, און זאגאר אויף איהר אופן, ווייבליך, דיינקען און פיה־לען, און דערמיט גאנצער מאכען אונזער אויפפאסונג פון דער וועלט. ווארום מיר, מענער, זעהען נור איין זייט פון דער וועלט, און ווען זיא טראגט אריין אין אונזער לעבען אויך איהר בליק אויף דער וועלט און אויפן לעבען, מאכט דאס גאנצער און אלזייטיגער דאס לעבען פאר אונז.

אויב איהר פערלאנגט פון דער פרוי נאך עפעס אנדערעס אויסער דער געשלעכטליכער ליעבע, דאן מוזט איהר אין איהר פלאנצען דיא ואמען פון געפיהלען און געדאנקען. און זי וועט דאן מיט שכל'דיגען צויבער פון יענע געדאנקען און געפיהלען ארויסברייננגען נייע ליעבע, וואס וועט פארזיסען אונזער לעבען. זי איז אזוי ווי די ביהן, וועלכע זא־מעלט אלערליי זיסקייטען, צוקער, נעקטאר און בלומען־זאפט און פער־וואנדעלט עס אין האניג. מאכט זי פארשטענדיג און זי וועט דעם פער־שטאנד פערוואנדלען אין ליעבע; מאכט זי שטארק און זי וועט מיט איהר שטארקייט אייער ליעבע רייכער מאכען. מאכט זיא גרויס און זיא וועט נערן איהר גרויסקייט אייך געבען פאר א קוס פון אייער ליעבע.

האט נור קיין מורא ניט זי זאל ניט ווערן ביי זיך צו גדלות'דיג און וועט זיך האלטען העכער פאר דעם מאן. די פרוי ליעבט צו שטארק אז זי זאל ווערען צו שטאלץ געגען איהר מאן. זי וועט אלע מאהל דעם

בעסטען טהייל פון איהר לעבען אפפערען פון איהר ליעבע וועגען צום מאן.

ווען מאן און ווייב זיינען פערבונדען מיט דעם חוט המשולש, מיט די דריי בענדער, מיט דעם באנד פון ליידענשאפט, מיט דעם באנד פון געפיהל און מיט דעם באנד פון געדאנקען, דאן וועט זיך זייער ליעבע האלטען לאנג און זייער לייכט, אז עס זיינען ניט נויטיג קיין קינסטליכע מיטלען דאן דיא ליעבע אויפצוהאלטען. עס זיינען פאראן אזעלכע גליקליכע, אבוואהל ניט פיעל, און זיי וואונדערען זיך צו קאן גאר ווען ניט איז געשעהן אז זייער ליעבע זאל אויפהערען.

גאנץ אנדערש איז אבער, ווען די ליעבע בעשטעהט בלויז פון געשלעכטליכע ליידענשאפט אליין. אין אזעלכע פעלע איז נור פאראן איין לייכטער מיטעל וויא זיא אויפצוהאלטען: מען מוז אין דער בעכער פון ליידענשאפט אלע מאהל איבערלאזען נאך א טראפען באנגעהר, אזוי אז צווישען איין אומארמונג און דער אנדערער זאל נאך דיא תאוה ניט אין גאנצען פערלאשען ווערן.

די אויפהאלטונג פון דער ליעבע איז איינע פון דיא הייליגסטע פפליכטען, בעזאנדערנס זיינען דאס די פפליכטען פון דער פרוי. ליידער זינען מיר אבער צו לייכטזיניג, צו פיעל־ווייבעריש, צו פיעל פערלאנגען מיר, אז פאר דער פרוי זאל מעגליך זיין שפארזאמקייט און קלוגקייט צו בענוצען פאר דער אויפהאלטונג פון דער ליעבע. פיעלע מענער זיינען אזוי ווי קינדער אין זייער ליעבע; זיי וואלטען אלעס זעהען, אלעס בעריהרען, אלעס בעגעהרען און גלייך אלעס טאקע בעזיצען.

די ליעבע פון דער פרוי איז שטארקער פון אונזער ליעבע; זיא ליעבט מעהר פון אונז, אבער זי איז פארזיכטיגער און האט מעהר מורא פון אונז. זי איז אויך א בעסערע בעל־הבית'טע פון אונז אין דער ליעבע קאן אויך דעריין זיך שפארעוודיגער אויפפיהרען. און בעת זי פליקט בלומען אום אין דעם אויגענבליק הנאה צו האבען, ווייס זי פון דעסטוועגען ווי די פרוכט אבצושפארען און בעהאלטען פאר דיא טרויעריגע טעג פון

ווינטער, ווען די בלומען בליהען שוין ניט מעהר. וועה איז דער פרוי, ווען זי לעבט פערשווענדעריש, זארגט ניט פאר דעם קומענדען טאג און וויל איבעריאגען דעם מאן אין אויסברייננגעריי. זי טהוט איהם דער־מיט קיין טובה ניט. זייער ביידענס ליעבע וועט איבער דעם זעהר גיך אויסגעהן, ווי בריליאנט און פרעכטיג די תאוה האט אין זיי ביידען ניט געפלאקערט.

ווען דיא פרויען, וואס וועלען לעזען דיזען בוך, וועלען פון איהם קיין אנדער זאך ניט אויסלעהרנען וויא בלויז דאס, וויא שפארזאם זיי דארפען זיין, וועלען זיי שוין דערמיט אליין בעלוינט ווערן פאר דער צייט וואס זיי האבען דערויף פערבראכט און איך וועל זיך גליקליך שעצען, וואס מיין מיה איז ניט געווען אומזיסט און איך האב עפעס בייגעטרא־גען צו דעם גליק פון דער ווערטהפולסטער העלפט פון דער מענשלי־כער פאמיליע.

מיט דעם רעכט פון מיין לאנגע מיהזאמער ערפאהרונג; מיט דעם רעכט, וואס עס גיט מיר מיין אונערמידליכע, טיפע שטודירונג פון מענשליכע הערצער, בעט איך אייך און באשווער אייך, אז איהר זאלט מיט אייערע ווייסע הענטעלאך און מיט אייערע ראזיגע ליפעלעך פערשליסען דעם מויל פון יענעם מאן, וועלכער בעט אייער ליעבע מיט צופיעל דורשט, איהר מעגט איהם זאגען איין מאל „ניין!" און א צווייטען מאהל „ניין!" און דאס „יא"־ווארט פון א געליעבטער בעסע ראינטער בלומען און חן בעגראבען, כדי שפעטער דערמיט איהם צו טרויסטען.

יעדער אפפער ברייננגט אייך דאפעלטען ערפאלג; פאר יעדער לאסקע, וועלכע איהר זאגט היינט אב, וועט איהר מארגען בעקומען צעהען. ווארום פאר איהר איז די ליעבע די סאמע לופט, אין וועלכע זי אטהעמט; זי איז פאר איהר דאס בלוט, וואס גיט איהר לעבען; זי איז איהר טהייערסטער פארמעגען. אונטער קיינע אומשטענדען זאל זי ניט זאגען יא, ווי לאנג זיא האט איהם פריהער ניט געזאגט איין מאהל „ניין!"

דער מאן דארף קיין מאהל ניט זעהען זיין פרוי און דיא פרוי קיין מאהל דעם מאן נאקעט ; צווישען מאן און פרוי מוז אלעס זיין פארדעקט : די תאוה און דאס געפיהל, דער גייסט און דער באגעהר. עס דארף זיך דורכזעהען ווי דורך צווייגען און בלומען. דאס אונענד־ליכע איז גראד דאס, וואס דער מענש ווערט קיין מאהל ניט מיעד צו ליעבען, צו בעטראכטען, צו ערפארשען, וויל דאס אונענדליכע קאן ער ניט אבוועגען און קאן ניט אבמעסטען. אזוי איז עס אויך אין דער ליעבע : דאס שעהנע דאס גוטע, דאָס אמת׳ע, וואס געפינט זיך אין דער געליעבטער פערזאן, מוז אונענדליך זיין, כדי מיר זאלען עס קיין מאהל ניט זעהען אויף איין מאהל, קיין מאהל ניט קאנען אבמעסטען, קיין מאהל ניט קאנען אבוועגען, ניט וויסען אקוראט דעם שיעור.

טויט איז יענע ליעבע, וועלכע ערוועקט שוין מעהר ניט קיין ענ־ערגיע און די שוואכע נערוועז, וועלכע האט שוין מעהר ניט קיין בלוט־שטראם, וואס באלעבט דאס הארץ. אזא ליעבע וועט שוין קיין מאהל ניט אויפשטעהן קיין תחית המתים. אזא ליעבע איז אבער דאך גאר קיין ליעבע ניט. ווארום אויב עס איז יא ליעבע, דאן ווי שוואך זי זאל ניט זיין צו מאנכע צייטען, וועט זי דאך וויינינגסטענס ווי דער ווערימעל, וועל־כער ווערט פארטריקענט אמאל אזוי, אז אין איהם איז שוין גאר קיין לעבען ניט קענטיג, און דאך ווערט ער ווידער לעבעדיג אזוי באלד וויא אן ערפרישענדער און בעלעבענדער רעגען באנעצט איהם און די שיינענ־דער זונן ערוואַרעמט איהם. א ליעבע, וועלכע האט שוין אין זיך אפילו דיזע מענליכקייט ניט איז דאך נידריגער ווי א ווארים. פונקט אזוי וויא יעדער ארגאניזם קאן זיין טויט און קאן אמאהל זיין בלויז אין חלשות, אין אונמאכט, וואס זעהט אויס אזוי ווי טויט. דער טויטער ארגאניזם וועט טאקע צוריק לעבעדיג שוין קיין מאהל ניט ווערן, אבער דער אונ־מעכטיגער קאן נאך געהיילט און געשטארקט ווערן, ווען עס זאלען נור אנגעוואנדעט ווערן די ריכטיגע הייל־מיטלען.

וויפיעל מאהל פאסירט אז א ליעבע, וועלכע האט שוין געשיינט

צו זיין לחלוטין טויט, האט ענדליך צוריק אויפגעלעבט און איז געווארען נאך קרעפטיגער ווי פריהער! מען ווערט ערשטוינט ווען מען זעהט עס און עס דוכט זיך אז דאס איז עפּעס א נס געשעהן, מען ווערט פערוואונ־דערט פון די געהיימניסען פון א מענשענס הארץ; אבער דאס צייגט, אז די ליעבע איז ניט געווען פערלאשען, זי האט זיך בלויז פערבארגען, זי איז נור אויגענשיינליך געווען טויט, אבער אין אמת'ן האט זי געלעבט עס זיינען נאך אין איהר געווען לעבענס־נערוועןֿ. און וויפיעל מאהל פּאסירט עס, אז מען בעגראבט א לעבּעדיגען, מיינענדיג אז ער איז טויט! אין דער ליעבע קאן דאס אבער אזוי נעפעהרליך ניט זיין, ווייל אין איהר ערוועקט זיך איהר אייגענע קראפט, וועלכע צובּרעכט יעדען ארון, רייסט אויף יעדען קבר, טרויסעלט פון זיך אראב יעדע לאפּעטקע ערד און ערשיינט פאר די טרויערענדע ווידער מיט דעם טרויסט: „וויינט ניט־איך בין דא, איך לעב!"

בלויז אין זעהר זעלטענע פעלע שטארבּט די ליעבע מיט א גוואלט־זאמען טויט; אפטער אבער זיינען דאס בלויז וואונדען, אונמאכט, צו קאלעטשונג, ווייטער ניט. דער אמת'ר טויט פון דער ליעבע קומט פון אויסצעהרונג און קומט נאך א לאנגער קראנקהייט. אמאל ווערט עס פאר אונז א פּפליכט מעהר ניט צו ליעבען א פערזאָן, צו וועלכען מיר דערפיהלען פלוצלונג א פעראכטונג. אבער די ליעבע, וועלכע מען פער־אורטיילט אויף אזא'ן אופן צום טויט, דיזע ליעבע וויינט, ווערט פעראר־מערט און פערצאגט, ווארום שטארבען וויל זי ניט.

א נעבּאנדאזשירטע, אהן ליכט, אהן נאהרונג, זוכט זי אריבּער־צוטראָגען דעם הונגער, די פינסטערניס, דיא קעלט, אבער שטארבען וויל זי ניט. די אויסגעוועלט קאן פיעלייכט מיינען, אז שוין אויס, זי איז אין גאנצען שוין פערשוואונדען—אבער אין דער טיעפקייט פון דער ברוסט לעבט זי ווייטער און ליידט אלע יסורים פון לאנגזאמען אבשטארבען, און שטארבט אפטאב צוזאמען מיט דעם, וועלכער עס פיהלט זי.

ווען א ליעבע ווערט פלוצלונג טויט דערפאר, ווייל עס איז ערשינען

א נייע ליעבענסווירדיגע פערזאן, איז א סימן אז דאס איז ניט געווען קיין אמת׳ע ליעבע. ווארום אויב די ליעבע איז געווען א ווירקליכע, דאן קאן זי פּלוצלונג ניט אבשטארבען דורך דער ערשייגונג פון דער נייער פּערזאן, וואס איז ווערטה געליעבט צו זיין. עס וואלט אין איהר פריהער זיך אנצינדען א הייסער, א לאנגער קאמפּף און אויב זי דארף שטארבען וואלט זי, ווי אין אלע אנדערע פעלע, געשטארבען מיט א לאנגזאמען, דויערנדען טויט. מען דארף נור איין מאהל פאר אלע מאהל ניט פאר־געסען, אז די ליעבע בעשטעהט ניט בלויז אין דער קערפּערליכער תאוה, אין׳ם פיזישען באגעהר, און דאן וועט מען עס גאנץ גוט פארשטעהן. און דאס וואס עס דוכט זיך אין דער ליעבע אלס א וואונדער איז גאר קיין וואונדער ניט, ווען מען וויים אז דאס איז א שעהנערעס, א גרעסערעס און עהרענהאפטערעס געפיהל, אלס א בלויז פיזישע ערשיינונג.

פיעלע מאכען א טעות און מיינען, אז ווען דיא ליעבע שטארבט אפילו אב אין איינעמס הארצען, פערוואנדעלט זי זיך דאך אין אן אנדער געפיהל, און נעמליך אין דעם געפיהל פון פריינדשאפט. די צוויי, וואס האבען זיך פריהער היים געליעבט, זיינען איצט געווארען בלויז פריינד. דער לעזער וויים שוין אבער פון אונזערע פריהערדיגע ערקלעהרונגען וואס מיר האלטען פון דער פריינדשאפט צווישען צוויי מענשען פון ביידע געשלעכטער 1).עס קאן בלויז זיין א זעהר זעלטענער פאל, אז קיינער פון דיא ביידע פריינד, זאל מעהר ניט טראכטען וועגען דעם צווייטענס געשלעכט.

אבער קאנען דען אזעלכע איבערהויפט פארגעסען די ליעבע פון א גאנצער פערגאנגענהייט ? קאנען זיי דען אויסמעקען מיט איין שטריך די ברענענדע הנאה וואס זיי האבען געהאט פון זייער פריהערדיגען ליע־בעס־לעבען ? ווען א מאן און פרוי קאנען פארגעסען אז זיי זיינען מאן

1) זעה אין אונזער בוך „דיא קונסט צו ליעבען און געליעבט צו ווערן״ פון פראפעסאר מאנטעגאצצא קאפּיטעל . „דעם קוואל פון אמת׳ער ליעבע״ זייטע 18 און 19.

און פרוי — וואָס פאר א נאָמען קאן מען געבען דעם דאָזיגען נייעם גע־פיהל ? זאָל מען דאָס אפשר א נאָמען געבען „אויטאמאטישע געוואָהנ־הייט.‟ אָבער אין אמת'ן איז דאָך אזא זאַך גאָר ניטאָ. אויב אזעלכע צוויי, וועלכע האבען זיך א לאנגע צייט געליעבט, פיהרען דערנאָך א פריינדשאפט איז א סימן, אז ערגעץ אין א ווינקעל פון הארצען ליגט נאָך בעהאַלטען די ליעבע.

## ווי הויך און ווי טיעף די ליעבע איז

ווען מיר קומט נור אוים צו זעהען א בלום, וועלכע וואקסט אויף דעם ראנד פון אבגרונד און צופענענדיג איהרע קוויטען שמייבעלט זי צום הימעל, קומט מיר אלע מאהל ארויף דערזעלביגער געדאנק : אזוי איז די ליעבע, זי בליהט אויף צווישען צוויי אונענדליכקייטען — צווישען אונענדליכער הויכקייט און צווישען אונענדליכער טיעפקייט, צווישען הימעל און אבגרונד.

מיט איהרע ווינשען, מיט איהרע טרוימען, מיט איהרע אידעאלען ערהויבט זי זיך אין די הימלען און אזוי ווי זי וואלט פון דארט געשעפט קופט, ליכט און ווארעמקייט, און מיט איהר ליידענשאפטליכען בעגעהר, מיט איהר געשלעבטליבער תאוה, זינקען איהרע ווארצלען אין תהום פון אבגרונד.

זי איז דוכט זיך די מענשליכסטע ליידענשאפט פון אלע ליידענ־שאפטען און דאך האט מען צו אלע צייטען זיא צוגערעכענט צו דיא געטליכסטע געפיהלען. דער ליעבענדער מענש איז א דאפעלטער מענש, ווארום ער פיהלט צום ערשטען מאהל, אז ניט נור ער לעבט, זאנדערן ער איז אויך בכח צושאפען לעבען, און שאפען לעבען איז שוין עפעס געטליכעס.

דיא ליעבע רופט ארויס אין מענשען אלע זיינע מענשליכע

קרעפטען, אלע פעהיגקייטען פון זיין גייסט. אבער ניט אלע מענשליכע קרעפטען זיינען גוט, ניט אלע פעהיגקייטען פון דעם מענשענס גייסט ווערן אנגעווענדעט פאר ניצליכע זאכען — און אזוי רופט דיא ליעבע ארויס אויך די שלעכטע אייגענשאפטען, וועלכע מען האט גאר פריהער אין איהם ניט געמערקט. צום ערשטען מאהל ערשיינען אויפן אונטער־גרנוד פון דעם גאנץ מאראלישען מענשען אזעלכע באראקטער־בילדער, וועלכע זעהען אויס ווי שולד, צולאזענקייט, תאוות און פארברעכען און הויבען אן ארויפצושווימען אויבען אויף.

דיא ליעבע איז זא שטארק און מעכטיג דאס זי הערשט וויא א טיראן. יעדע שעהנהייט מוז איהר א בלום ברייגנען; יעדע ליידענשאפט מוז איהר פייער געבען, יעדער כח מוז איהר שקלאף זיין. פיעלע דיענער און נאר איין איינציגער הערשער; פיעלע שטארקע, אבער איינער שטארקער פון אלע; פיעלע אונטערטהאנען אין איבער זיי איין איינצי־גער טיראנישער געביטער.

קיין דאגעגען זיין, קיינע פשרות — דארט וואו די ליעבע הערשט. ווער וועט עס וואגען זיך מיט איין עצה אנצובאטען אדער א ווארט אריין צו ריידען? איהר אלע יוגענד פרישע קרעפטען, בייגט אייער קאפ פאר אייער גאט; די גאנצער רייכקייט פון דער מענשליכער נאטור בריינגט צום קרבן אויפן נייעם מזבח אין בענוגענט זיך ביי דער ליעבע אין דיענסט צו זיין.

זאגאר די צייט, בעלאנגט אויך ניט מעהר צו אונז, ווייל זי קאן ניט געמאכטען ווערן לויט די ציפער פון'ם זייגער נור מיט דער מאס פון אונגעדולד פון אונזער ביינקעניס אדער מיט די עלעקטרישע פונקען פון אונזער פערלאנגען.

אונזער דיינקונגס קראפט איז ניט מעהר אין אונזער מאכט, ווארום איין איינציגער בילד בעהערשט עס מיט גוואלד. מיר קאנען גאר וועגען זיך אליין ניט טראכטען וואו מיר זאלען דאס ליעבענדע געגענ־שטאנט פאר דיא אויגען ניט האבען.

די ליעבע איז וויא דאס מעער; עס קאן רוהיג זיין און עס קען אויפברויזען און שטורמען. מאן און ווייב וואס בעגעגנען זיך און ליעבען זיך זיינען ווי דער ים און דער ברעג וואס האלטען זיך אין הייביגען ארום קריגען זיך, אמאל ערנסט אמאל אין שפאס, אמאל מיט ליעבע און אמאל מיט האס.

דארט ביים פענסטער זיצט דאס יונגע מיידעל און נעהט עפעס אויס אויף לייוועגד; זי זיצט מיט'ן קאפ אנגעבייגט אויף איהר ארבייט— מען קאן דיינקען, אז זי טראכט עס וועגען איהר אויסנעהעכץ. נאך יעדען ציה מיט'ן פאדים לייכט אויף איהר פנים אזוי ווי זי וואלט עס הנאה האבען פון דעם שעהנעם אוזאר. אבער ווען מען וואלט געקאנט ארויסשרייבען אלע געדאנקען, וועלכע הוזשען ביי איהר אין קאפ צוויי־שען איין ציה פון דער נאדעל און דעם אנדערען — מען וואלט דאן דערזעהן וויא טיעף זי איז פערזונקען אין דעם אבגרונד פון דער ליעבע.

און ניט וויים פון דיזען הויז, אין אן אנדער הויז— זי וויים דער־פון ניט— שטעהט א בחור'ל ביים פענסטער; זיינע האאר פאלען איהם איבערן שטערען, די הענד האלט ער אין די קעשינעס, דעם קאפ פאר־ווארפען ארויף, און ער שטעהט שוין אזוי א שטונדע אונבעוועגליך און קוקט אויפן הימעל. טראכט ער אפשר פון שווערע סאציאלע פראגען, קלעהרט ער אפשר וועגען דער ערלייזונג פון'ם פראלעטאריאט? אדער טרוימט ער אפשר פון גרויסקייט, בעריהמטקייט און פון רייכטהום? א, ניין, אויך ער שוועבט ארום אין די טיעפקייטען און דעם אבגרונד פון דער ליעבע.

די פרוי ענטוויקעלט אין זיך א סך א טיעפערע אינערליכקייט פון געפיהל אין דער ליעבע, אלס דער מאן. די געזעלשאפט רויבט פון דער פרוי יעדע מעגליכקייט צו בעטייליגען זיך שטארק אין לעבען און דערפאר בלייבט איהר מעהר צייט אריינצוקלייבען זיך אין גאנצען אין איהר אייגענעם הארצען. ווי אפט האט א גאנץ אונשולדיג מיידעל, וואס קאן קוים לעזען און שרייבען, גאנצע שטונדען נאכאנאנד נאכגעקוסט

דעם איין איינציגען קוס וואס זיא האט בעקומען, וועלכער האט געדויערט בלויז איין אויגענבליק; ווי אפט האט זיך אזא אונשולדיג מיידעל אבגעקוועלט א גאנצע נאכט פון דעם ביטערען געפיהל, וואס ער האט איהר געזאגט עפּעס אן אונפריינדליכען וואָרט אדער האט אויף איהר קאַלט א קוק געטאהן. דאס געהערט צו דער פּרויענצימערס נאטור צו פּערטיפען זיך אין איהר אייגען הארץ.

די ליעבע ערהויבט דעם פערליעבטען און ער ווערט העכער איידער דער דורכשניטס מענש; ער ווערט מוטהיגער, געוואגטער, ענערגישער; זיינע קרעפטען וואקסען אויס און מאכען איהם פעהיגער; זיין בליק ווערט ברייטער אויף דער וועלט אויף מענשען. און דאס איז דערפאר, ווייל ער האט זיך ערהויבען און ער קוקט שוין פון א העכערען פונקט, פון וואַנען עס זעהט זיך א וייטערע, ברייטערע וועלט.

די ליעבע ערהויבט אונז ווירקליך הויך אין די ספערען פון אידעאַלען, און וואס מעהר זי טרויסעלט פון זיך אראָב דאס צופיעל גראָבע משא, וועלכע שלעפּט זי צו דער ערד אליך העכער שטייגט זי אויף דיא פליגלען פון אידעאַל. און דיא שווערע משא, וועלכע שלעפּט יא צו דער ערד איז צופיעל תאוה און איינענליעבע. די פרוי דארף זיין דיאיעניגע, וועלכע דארף אונז בעהילפיג זיין צו ערהויבען זיך העכער, ווען מיר ליעבען. זי טאָר ניט דערלאָזען, אז אונזערע טהירישע לוסט, אז אונזערע פּראָסטע ליידענשאפטען זאָלען ניט מאכען פון דער ליעבע בלויז א טהירישע בעפריעדיגונג. ווארום עס קאן ניט זיין עפּעס וואס זאל מעבטינער ווירקען אלס דאס „ניין!" פון א פרויענצימער. ווער וועט עס וואגען צו מאכען איין טריט ווייטער, ווען דער פינגער פון א פרוי איז איהם מתרה: „צוריק!"

איהר פרויען דארפט וויסען, דאס דער מאן קען אזוי לאַנג וויא איהר מיט דעם געפיהל פון ליעבע אליין זיך ניט בענוגענען; גאר שנעל וועט אייער מלאך אייך צו די פיס קניען און א קוס בעטלען. און אזעלבע מינוטען זיינט איהר אלמעכטיג, ווארום איהר האט דעם לייב צו

אייערע פיס ; איז דער מאן שטארק. זא זיינט איהר נאך שטארקער, ווארום זיין שטארקייט בעלאנגט צו אייך.

פיהרט איהם אויפן וועג פון ריינער אידעאלער ליעבע. אין דעם לייב וואס ליעגט צו אייערע פיס איז נאך צו פיעל בעסטיע, צו פיעל חיה און נאר איהר פרויען מיט אייער ליעבע און חן, קענט פון דעם דעמאן א מלאך מאכען.

## ליעבליכע נארעשקייטען דער ליעבע.

די ליעבע איז די יונגסטע פון די מענשליכע ליידענשאפטען און זי טראגט אין זיך דארום דעם סליאד פון דאס קינדישע, פון וואנען זיא האט זיך ארויס־ענטוויקעלט. פונקט אזוי ווי די זומער־פויגעלע, וועלכע האט זיך נור וואס ארויסגעוויקעלט פון דער קוקאלקע, טראגט אויף איהרע צונויפגעוויקעלט פליגעלעך דיא שפורען פון איהר אורשפרונג.

זיא איז קאפריזענע וויא א קינד, טהוט פיעלע נארישקייטען, איז העלדיש אויף אן אינגלישען אופן; זי קאן בלינד פערגעטערען און קאן האבען שמערצען פון דאס מינדסטע — איז אין גאנצען ווי א גאוגישער איינגעל: נור וואס געווען א העלד און באלד צוואויינט זיך ווי א פייגלינג; היינט מיט קולאקעס געסטראשעט דעם הימעל און אויף מארגען געבעטען זיך שטעהענדיג אויף די קניע.

די ליעבע איז נאריש דערפאר, ווייל זי איז קינדערש ; און זי איז קינדערש, ווייל זי איז א פאעטין, און זי איז א פאעטין, ווייל זי איז אזוי רייך אין איינבילדונג ; זי איז מעהר לידיש אלס עפיש ; זי שאפט מעהר פערזען אלס פילאזאפישע אבהאנדלונגען.

די ליעבע איז אינגליש, ווייל זיא איז רעליגיעז ביז אבערגלויבען. זי גלויבט אין גוטע און אין שלעכטע סמנים, ווי א נארישע, אונוויסענדע קליינע מיידעל. קיין רעליגיאן האט ניט געהאט און האט ניט אזוי

פיעל געצענדינעריי ווי די ליעבע; קיין אלימפ האט ניט געהאט אזוי פיעל געטער; קיין טעמפעל האט ניט געהאט אזוי פיעל פריסטער וויא די ליעבע, זי קאן זיך פערטראגען מיט יעדען גלויבען און מיט יעדען קולט; פון דעם אבגאָט, אין וועלכען עס גלויבט דער ווילדער, ביז דעם אונגע־זעהענעם, אלמעכטיגען גאט פון דעם איצט גלויבענדען מענשען. זיא גלויבט אין גיהינום און גן־עדן, אין אלע שטראף און יסורים, און אין אלע תענוגים און בעלוינונגען.

ווי נור אין מענשען טרעט ארויס שטארק דאס געפיהל, דער באַגעהר און די ליעבע, אזוי בילדעט ער שוין זיין מזבח, אויף וועלכען ער ברייננט קרבנות פון דאס שעהנסטע און בעסטע, וואס ער פער־מאגט. ער טהוט תפילה און איז מקריב קרבנות. ער אפפערט אויף זיין אלטאר אלע אוצרות וואס געפינען זיך אין ים און אויף דער יבשה, אלע רייכקייטען וואס געפינען זיך אין דער פאעזיע, וועלכע זיין פאנטאזיע שאפט איהם; ער איז מקריב די שעהנסטע בליהונגען פון זיינע געדאנ־קען. ער אפפערט עס דוכט זיך, פאר א פערזאָן, וואָס עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט, אבער אין אמת'ן אפפערט ער אויך פאר זיין אייגענער איינבילדונג.

פאר דער ליעבע איז אלעס הייליג וואס נור די האנד פון דער געליעבטער האט אנגעריהרט, אויף וואס נור איהר אויג האט א קוק געטאהן, אויף וואס נור איהר געדאנק האט זיך אבגעשטעלט. אלעס איז הייליג, און וואס נור דער געליעבטער פנים האט זיך אבגעשפיגעלט אלעס ווערט א געטשקע, אלעס ווערט א צויבערשפיגעל אין וועלכען מיר זעהען אונזער גאטהייט. ווער געדיינקט ניט די שמחה, די אונענד־ליכע פרייד פון דעם בליהמעלע, וואס „זי" האט מיט איהר האנד אליין אבגעריסען פון דעם קוסט און דערלאנגט? ווער געדיינקט ניט מיט וואס פאר א פערגעטערונג ער האט געהאלטען דעם בוקעט ראזען, וואָס זי האט מיט איהר נעזעלע געשמעקט?— ווער געדיינקט ניט נאך טויזענדע אזעלכע בונטע און נארישע ליעבעס קמיעות, וואס זיינען הייליג

געווארען?

אין די הייליגע קמיעות פון דער ליעבע געפינען זיך די וויכטיגסטע ווי די אונבעדייטענדסטע זאכען, די ליעבליכסטע זאכען און די שרעקליכ־סטע. איך האב געהאט א פריינד, וועלכער פלעגט שטונדען לאנג וויי־נען פאר שמחה און ניט קאנען זאט אנקוקען און גענוג אנקוקען זיך אויף א זיידענעם פאדים, וואס זי האט אמאל אין איהר האנד געהאלט־ען און וואס איז פאר איהם געווען דיא איינציגע אנדיינקונג פון איהר ליעבע.

אן אנדערע פריינד מיינער האט געהאלטען ביי זיך אויפן שרייב־טיש שטענדיג דעם אויסגעטרינקענטען שארבען פון זיין געשטארבענער געליעבטער, מיט וועלכער ער האט זיך ניט געקאנט שיידען. מאנכע שלאפען מאנאטען און יאהרען לאנג מיט א בוך, מיט א טיכעל אדער מיט אן אנדער וועלכער ניט איז זאך, וואס האט בעלאנגט צו דער גע־ליעבטער. און ווער קאן גאר אויסרעכענען די שעהנע נארישקייטען, די הייסע צערטליכקייטען, די אונצעהליגע קינדערייען פון דער געצענדערינערייע פון דער ליעבע!

און וואס איז דער וואונדער אז עס איז אזוי, ווען מען ווייס אז דאס געפיהל פון ליעבע פארגרעסערט אזוי און פאראיידעלט דיווירקליכקייט, בעגיסענדיג אלעס מיט א שימערענדען גלאנץ. קיין פרויענצימער איז נאך ניט געווען אזוי שעהן, ווי די פאנטאזיע און דער טרוימהאפטער באגעהר פון דעם פערליעבטען מאלט אוים פאר זיך זיין געליעבטע. דער קאנטראסט פון דער פארשטעלונג ביז דער ווירקליכקייט וואלט געווען שרעקליך און געפעהרליך, ווען די פאנטאזיע וואלט ניט ווירקען אויך אויפן אויג, וועלכעס זעהט זי.

ווען יעדע שעהנע פרוי וואלט געוואוסט פון די הייסע באגעהרען, פון די פאנטאסטישע קוסען, פון די זיסע ליוב געזאנגען, וואס זי רופט ארוים ביי די מחנות פון איהרע פערגעטערער, ווי שטאלץ וואלט זי גע־ווארען זעהענדיג די ווירקונג און דעם איינדרוק וואס זי מאכט אויף אזוי

פיעל מענשען. עס איז נור ערשטוינט צו ווערן, וואו קומען אהין די אלע שטראהלען פון בעוואונדערונג ? וואו קומט אהין ערגעץ די ווארעמקייט פון אזוי פיעל הערצער, וואס שלאגען פון איהרט וועגען ? וואו קומט אהין אזוי פיעל פערלארענע קראפט, וועלכע זי רופט ארויס ? אויב עס איז אמת, אז אין דער וועלט ווערט קיין זאך ניט פערלארען — וואס זשע ווערט פון די פיעלע גליהענדע פערלאנגען, וועלכע ווערן פערלארען ערגעץ אין דער ווייטען רוים.

אין דער פריה אויפשטעהן מיט דער וואונש, אז דער ערשטער בליק און דער ערשטער געדאנק זאל אנגעווענדעט זיין אויף דעם געליעב־טען געגענשטאנד. לייגען זיך רוהען און באגעהרען, אז ביים לעצטען מאמענט פון שליסען די אויגען זאל „זי" שטעהן פאר אונזערע אויגען. אז קיין שטונדע זאל ניט פערבייגעהן, וואו מיר זאלען ניט זעהן „זי" אין אונזער גייסטיגען בליק און ניט טראכטען וועגען א י ה ר בלויז — דאס איז איינער פון די טויזענדע ווינשונגען וואס די ליעבע האט.

א י ה ר געשמאק נאכצוקומען אין דער פארב פון קליידער, לויט א י ה ר געשמאק איינריכטען דאס הויז ; אין די צימערן און פון דיא וועש זאל זיך הערען א י ה ר פארפיום ; ביים עסען, ביים רוהען. ביים שפאצירען געהן — אלעס אויספיהרען לויט ווי א י ה ר געפעלט. דאס איז אויך איינע פון די קינדערשע זאכען אין דער ליעבע.

לעזען א בוך, וועלכען ז י לעזט, און לעזען דיזעלבע זייט אין דער־זעלבער צייט וואס זי.

קוקען אויף א י ה ר מעהר איידער אויף אלע אנדערע מענשען און קיינעם ניט זעהען אין א גאנצער מאסע מיט מענשען, ווייא נור זיא

אליין.

נאין איין שעהנעם טאג אוועקוואַרפען א שלעכטע געוואוהנהייט, אין וועלכער ער האט זיך שוין איינגעלעבט גאנצע צעהן יאהר, און אוועקוואַרפען בלויז דערפאר, ווייל זי האט אבגעקעהרט איהר ליעבליך נעזעל, ווען ער האט פעררויכערט א סיגארעט.

ארויסריידען א בעשטימטען ווארט מיט דעמזעלבען אקצענט, ווי זי רעדט דעם וואָרט ארויס.

פערקויפען דאָס הויז דערפאר ווייל זי האט זיך פארטשעפעט ביים אראָבגעהן פון די טרעפ און איז שיער אנידערגעפאלען.

געהן אין שוהל ניט גלויבענדיג אין גאָט, אָדער ווערן אן אפיקורס ווייל זי איז א רעליגיעזע אדער ווייל זי איז א פרייגעזיננטע.

אוועקלאָזען זיך אויף א רייזע איבערן ים בלויז צוליעב דעם אום צו אומארמען זי מיט א מאנאט פריהער.

ווערן בלייך און רויט דערזעהענדיג ערגעץ א י ה ר נאמען און א פשיטא שוין דערזעהענדיג א בוך, וועלכער טראגט דעמזעלביגען נאָמען וואָס ז י.

אויסשטודירען עפּעס א לאנגע צייט בלויז צוליעב דעם כדי ז י צו איבערראשען, און די גאנצע איבערראשונג דויערט אפשר דערנאָך ניט מעהר ווי א האלבע שטונדע.

ז י קאָן אָנהויבען האסען איהרע עלטערען ווייל זיי האָבען א י ה ם בעליידיגט.

ביי איהם קאָן זיין רעכט צו ווערן א סאָלדאט ווייל איהר געפעלט א מונדיר.

באָגעהן עפּעס א העלדענטהאט בלויז צוליעב דער האפענונג, אז דאָס וועט אפשר ריהרען איהר הארץ.

אום ביי א י ה ר נושא חן צו זיין לאבט ער ווען עס טהוט שטארק וועה, אדער בלייבט גלייכגילטיג צו א זאך וואס איהם פרעהט.

ער קאָן קוסען א היטעל, וועלכע איהרע פינגער האבען

אנגעריהרט, און קאָן אמאל אויפהויבען א שטיינדעל, אויף וועלכען זי איז א ווײלע לאנג געשטאנען, און קושען דעם שטיינדעל.

ביי איהם קאָן זיין רעכט קראנק צו ווערן, אום ז י זאָל נור ארום זיין קראנקען־בעטעל ארומגעהן. און ביי א י ה ר איז רעכט קראנק צו זיין, ווען זי קאָן איהם קריגען אלס דאָקטאָר.

מאכען זיך ווי ער וואלט געווען רייך אדער שפיעלען די ראָלע פון אן ארעמאן; מאכען זיך פאר א חכם אדער פאַרקעהרט פארשטעלען זיך פאר א נארעלע -- אלעס צוליעב דעם, וואס עס קאָן א י ה ר בעסער געפעלען.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דאָס אלעס און נאָך פיעלע און פיעלע נארישקייטען, שעהנע און רייצענדע, זיינען די קינדערישע שטיקלעך, וועלכע דיא ליעבע באַנעהט. און דאָ זיינען דאָך אויסגערעכענט געוואָרען קיין טויזענד חלק ניט און נאָך ניט די זאנדערבארסטע און די ווילדסטע דומהייטען, וואס די ליעבע באנעהט טאָג־טעגליך מיט אזוי פיעל חן, אז אפילו דיא נארישקייטען ווערן שעהן.

## די ליעבע און די אנדערע געפיהלען.

יעדע זאך שעצט מען נאָך דעם ווערטה פון דעם זאך גופא, אבער אויך נאָך דעם ווערטה וואס די זאך האט א פערבינדונג מיט אנדערע זאכען. ווען איין זאך געפינט זיך אין פערבינדונג צו אן אנדער זאך, קאן ניט זיין, אז דיזע צוויי זאכען זאלען ניט האבען קיין ווירקונג איינע אויף דער אנדערער.

אזוי איז עס אויך מיט דער ליעבע, איהרע גרענצען זיינען זעהר ברייט. די ליעבע איז א מין לאנד וועמעס גרענצען עס קומען אריין אין אנדערע לענדער. די מענשליכע חושים, די מענשליכע עמפפינדונגען און די מענשליכע געדאנקען האבען א גרויסע שיכות מיט דער ליעבע

יעדע געפיהל, דאָס הערען, דאָס זעהן, דאָס אנטאפּען, א. ז. וו, און יעדע גייסטיגע פעהיגקייט איז א מין ווערקצייג פון דער ליעבע. און דארום ווירקען זיי איינע אויף די אנדערע, דיא ליעבע ווירקט אויף דיא חושים און די חושים ווירקען אויף דער ליעבע. די ליעבע דרינגט אזוי וויים אריין אין דעם מענשליכען ארגאניזם, אז זי מאַכט שארפער דיא געפיהלען, די עמפּפינדונגען און די געדאנקען.

צוליעב וואָס עקזיסטירט די ליעבע? דערגרונד פון איהר עקזיסטענץ ליגט דאָך אין דעם, וואָס צוויי פערשיעדענע נאַטורען בעריהערן זיך און שמעלצען זיך צונויף אויף אן אויגענבליק כדי די לעבענס-זאמען אויס-צוטוישען, אויסצומישען. דארום מוז דיא ליעבע האבען פיעל קאמפּ-ליצירטע בעציהונגען צו די אנדערע געפיהלען. די פיזישע ליעבע איז א העכערע פארם פון דיזע געפיהלען.

ביי חיות פון א נידריגער מדרגה און אזוי אויך ביי מענשען, וועמעס נאטורען עס זיינען אויך ווי די נאטורען פון דער חיה, איז די ליעבע קיין אנדער זאך ניט וויא פיזיש צו בעריהרען און בעטאפּען; ווען מען קוקט זיך אבער צו א העכערער מדרגה אין דער וועלט פון חיות און אזוי אויך אין דער וועלט פון מענשען, זעהען מיר שוין אז עס קומען צו די אנדערע געפיהלען. מיט דער אויסנאהם פון געשמאַק: דער געשמאַק בעטייליגט זיך נור אין אויסנאהמס-פעלע אין דער ליעבע.

אבער פון די פיער אנדערע געפיהלען: דאָס הערען, דאָס זעהן, דאָס אנטאפּען און דער גערויך — פון דיזע אלע פיער בעטייליגט זיך דער געפיהל פון אנטאפּען מעהר פון די אנדערע אין דער ליעבע. דאָס הערען נעהמט דעם קלענסטען אנטהייל; דאָס זעהן און דער גערויך נעהמען א פיעל גרעסערען אנטהייל איידער דאָס הערען, אבער א קלענערען אנטהייל פון דאָס טאַפּען.

מיר זעהען אלזאָ אז עס איז פאראן א גרויסער אונטערשייד אין דער ראָלע, וואָס יעדער געפיהל שפּיעלט אין דער ליעבע; איין געפיהל שפּיעלט מעהר ראָלע, אן אנדער געפיהל א ביסעל א קלענערע ראָלע,

און א דריטער נאָך א קלענערע ראָלע. אָבער נאָך א גרעסערער אונטער־שייד איז צווישען זיי אין דער נאַטור פון פריידען און ליידען, וועלכע זיי ברייננען. דאס טאַפּען ווירקט ארויסצורופען דיא העכסטע פערלאַנגען און ליידענשאַפט, דאס זעהען רייסט אראָב דעם שלייער און ענטציקט; דאס געהער ריהרט און געווינט זיא פון דאס ניי; דער גערוך בערוישט און שמייכעלט.

מען קאָן זיך מאַכען א בעגריף פון די פערשיעדענע ראָלען, וואס די פיער געפיהלען שפּיעלען אין דער ליעבע, ווען מען זאָל נור פערגלייכען די פאָלגענדע פיער מאַמענטען; די געליעבטע פּרויענצימער זעהן און לאַנג בעטראַכטען — הערען איהר שטימע פון ווייטען ניט זעהענדיג זי — אריינאַטהעמען דעם ריח און פאַרפּיום פון איהרע קליידער און איהרע וועש.

## דער חוש פון אנטאַפּען.

א מיליאָן טענער וועלכען ניט קאָנען אויסדריקען יענע האַרמאַניע און יענע מעלאָדיען, וועלכע עס ווערן ארויסגעבראַכט פון בעריהרען דיא געליעבטע. דער רייכסטער ווערטער־בוך אין דער וועלט און די פעדער פון א שריפטשטעלער זיינען ניט אים שטאַנד עס אויסצודריקען, און אפילו די וויסענשאַפט הערט אויף דעריין בעשיידען צו זיין.

אפט בעדויער איך, וואס קיין אמת גרויסער דיכטער קאָן ניט בעזינגען דיא ערהאַבענע תאוה פון דער ליעבע און בעזינגען אין אזא געוואַלטיגען סטיל אז איהם זאָל קיין פאַרוואורף ניט געמאַכט ווערן אין צולאָזענקייט. אפשר וואָלט דער מענש אויך קאָנען וויסען גענויער דיא גרעניצען פון תאוה און וואָלט אפשר דאַן געקאַנט זיגען נעגען דיזער מענשליכער אונמעגליכקייט; אָבער עס איז דאָך פאַראַן עפּעס א טרויסט אין דיזער גרויסער אונוויסענהייט; דיא שעהמעדיגקייט האַט דאָ ניט אומזיסט איבערגעלאָזען א פּרעכטיגען שטיקעל דונקעלן פּלאַץ

אין דער קענטניס פון מענשליכע זאכען, און מען דארף זיך זאגען, אז דארטען וואו די פאזיע שווייגט און וואו די וויסענשאפט פארדעקט זיך, דארטען וואו די אינערליכע בעריהרונג פון צוויי וועזענס פיהרט דערצו, אז עס זאָל געשאפען ווערן א נייעס וועזען — דארטען מוז אין דעם ניי־ענטשטעהנדען מענשען שוין צוזאמען מיט דעם לעבענס-פונק א ליעבעס־פונק איבערגעהן און דאס מאכט איהם פעהיג, אז ער זאָל שפּעטער אליין אויך פלאנצען ווייטער דאס געהיימניס פון דער ליעבע.

די ליעבע איז אן ערהאַבענע וויסענשאפט, א תורה וואס איז ניט געשריעבען געווארען אויף פּארמעט און ניט אויסגעקריצט געוואָרען אויף מאַרמאָרענע לוחות, אבער זי געפינט זיך אין דעם בליץ פון א קוס און ווערט אזוי געפלאנצט ווייטער דורך די טויזענדע דורות, וועל־כע האבען געליעבט, ליעבען איצט און וועלען ליעבען.

דער חוש פון טאפען האט אימער א בעשטימטען כאראקטער, פון דער בעשיידענער בעריהרונג פון די האָאר ביז צו דעם גוואלטיגען שטורעם פון דער ליידענשאפט. דיזער חוש איז אין דער ליעבע שטענ־דיג בעגלייט פון ליידענשאפט, איז אימער טיעף געשלעכטליך און איז פערבונדען מיט בעזיצען. די פרוי קאן זיך האלטען פאר יונגפרויליך, פאר אונבעריהרט כל זמן זיין האנד האט בלויז געגלעט דעם זוים פון איהר קלייד; ווי נור אבער הויט און הויט האבען זיך בעריהרט, ווי נור איינעמס פינגער האט דעם אנדערנס פינגער געדריקט איז שוין צווישען זיי דורכגעלאפען יענע ציטער, וועלכער איז געשלעכטליך.

ווען איין האנד דריקט די אנדערע הייסט עס אין דער ליעבע, אז צוויי פייערס האבען זיך צונויפגענומען אין איינעם; ווען איין האָאר איז פון דעם אנדערען בעריהרט געווארען הייסט עס שוין צוויי שטראַ־מען ליידענשאפט האבען זיך צונויפגעגאסען אין איין פלוס; ווען צוויי פיס דריקען איינע אויף די אנדערע, הייסט עס אין דער ליעבע צוויי פונקען, וואס שפּרינגען אריבער איינער אין דעם אנדערען.

קיין טהייל פון א ליעבענדען מאנספערזאָן קאָן ניט בעריהרען דעם

מינדעסטען טהייל פון א ליעבענדער פרויענצימער אונגעשטראפטערהייט און ווען די בעריהרונג איז אפילו מעהר ניט געוועזן ווי אויף איין אויגענ־בליק, שנעל ווי א בליץ, האט שוין יעדעס טהיילכעלע אנגענומען עפעס פון דעם צווייטענס נאטור און האט אין דעם צווייטענס נאטור איבערגעלאַזען עפעס פון זיין אייגענער נאַטור. בעריהרט אן אייזען מיט מאגנעט און דער אייזען וועט אליין ווערן מאגנעטיש; בעריהרט איין מאלעקיול פון דעם מאן מיט א מאלעקיול פון דער פרויענצימער און זיי וועלען ביידע נאך דער בעריהרונג זיין עפעס אנדערש שוין וויא פאר דער בעריהרונג. און ווען צווי ליעבענדע בעריהרען זיך פאלשטענ־דיג, דאן פיהרט עס שוין צו ביידענס פערבינדונג. אומזיסט וועהרט זיך די שעהמעדיגע פרויענצימער געגען יעדער אונשולדיגער בעריהרונג; אין דער ליעבע איז יעדער געפיהל פון אנטאַפען א ווייטערע אברוקונג פון דעם גרעניץ צווישען מ י י ן און ד י י ן און עס ווערט אלץ מעהר אויפגעגעבען דער אייגענער איך.

וואס איידעלער ענטוויקעלט עס איז א נאטור אלץ געפעהרליכער איז די בעריהרונג, ווייל זי געהט גלייך איבער אין דעם פעלד פון ברענ־ענדער ליידענשאפט, פון אנדערע געפיהלען און חושים. גראָבע נאַטורען פאנגען אן דאַרטען וואו איידעלע נאַטורען ענדיגען. בעת צוויי געביל־דעטע נאַטורען קאנען לעבען רוהיג איינע לעבען די אנדערע און וועלען זיך בענוגענען מיט א דריק טאהן דיא האנד, וועט דער פרעבער און גראבער מענש שוין ביי דער ערשטער ערקלעהרונג אין ליעבע ארויפ־שטעמפלען א קוש אויף איהרע ליפען און ארומנעהמען איהרע היפטען.

די גוואלטיגע ליידענשאפע פון דער ליעבע פארשטעהט וויא צו מאכען וואונדער און קאן אין איין קוש אויסדריקען תאוה. פון א דריק טאהן די האנד ביז א קוש טאהן איז א לאַנגער וועג, און אמאל אזא וועג, וועלכען מען קאן ניט דורכמאכען. אבער איין מאהל איז שוין דער מהלך דורכגעמאכט און מען איז שוין צוגעקומען צום געגענזייטיגען קוס, פערלירען זיך שוין אלע צאהמען און עס ווערט שוין אלעס מעגליך.

און דאס געפיהל פון בעטאפען וויס נור פון צוויי סטאציאָנען ביז וואנען דער ציעל ווערט דערגרייכט : די ערשטע סטאציאָן איז דער האנד־דרוק, און די צווייטער סטאציאן איז דער קוס. ווער עס האלט זיך אונשולדיג נאך עמפאנגען און צוריקגעבען א קוס, בעגעהט אן אבנארעריי.

און איהר, פרויען, וועלכע האט דעם געפעהרליכען גליק שעהן און געליעבט צו זיין, לאָזט אייערע פארעהרער קיין מאהל ניט ווייטער געהן ווי א האנד־דרוק ; בלויז אין זעלטענע פעלע זאָלט איהר דערלאָזען ביז א געדולדעטען קוס. אבער פארגעסט ניט, אז ווען מען ענטפערט שוין מיט א קוס צוריק הייסט עס שוין אן אונטערגעשריבענער וועקסעל— דאס איז שוין א סימן, אז מען וויל ענדערן דעם נאָמען.

## דער חוש פון זעהען.

דער חוש פון זעהען איז דער ערשטער שליח פון דער ליעבע, און אין זעהר איידעלע נאַטורען שאפט ער דעם פערליעבטען זעהער גרויסע פרייד, און דאס גיט איהם אויב ניט שטארקען ליידענשאפט־ליכען גענוס, אבער זעהר ברייטען גענוס און דעם העכסטען פערגעני־גען. דאס זעהען בעזיצט שוין אלעס, איהם פעהלט נור דער רויש פון׳ם בעזיצען.

ווען מיר קוקען אויף א פערזאָן מיט אויגען פון ליעבע געפינען מיר אין איהר שטענדיג עפעס א נייעם חן, מיר געפינען עפעס רעטעני־שען אין אזא פנים, וואָס ערוועקט אין אונז אזוי פיעל נייגעריגקייט און אזוי פיעל שמאכטונג נאך דיזער פערזאָן, ווי מיר וואלטען זיך ניט גע־קאנט אנזעטיגען גענוג צו קוקען אויף איהר. אונזער חוש פון זעהען איז ווי געשאפען דערצו, אז דאס זעהען זאל בעגלייטען אונזערע רייצענדסטע גענוסען. ווי לאנג דאס אויג פון דעם געליעבטען שטעלט זיך אב אויף א חן־גריבעלע אין דיא באקען, אויף א קליין קרייזעלע פון די האָאר,

אויף דעם שעהנעם שפּיץ פינגערל, און מיט וואס פאר בערוישענדער שנעלקייט לויפט דורך אונזער בליק איבער דיא געטליכע ליניען, וועלכע בעצייכענען אונזער געליעבטע!

די אויגען פון דער ליעבע האבען אלע מעלות פון א טעלעסקאפּ און פון א מיקראסקאפּ; זיי בעמערקען דעם דינסטען, איידעלסטען שטריכעלע, וועלכע זיינען אזוי פיעל דאָ אין דער ווייבליכער שעהנקייט ווי דעם הערליכסטען אידעאל פון דער שעהנער פארם. ווען דאָס אויג בעוואונדערט און געווינט, לאדעט עס שוין באלד איין אלע אנדערע חושים צו געניסען, עס לאדעט גלייך איין אלע ליידענשאפטען, אלע גע־דאנקען, אלע כחות פון דער נשמה אין מענשען.

קיין אנדער חוש בעזיצט ניט די אלע פעהיגקייטען, וואָס טראָגען אונז אוועק אין די הימלען פון אידעאלען און אין דערזעלבער צייט רופען ארויס אויך די פשוטע, קערפּערליכע, גשמיות'דיגע ליידענשאפטען. דאס אויג איז דער ערשטער דינער פון גייסט; דער גייסט מאכט פיינער דעם באגעהר, מאכט ריינער די ליידענשאפט און מאכט איידעלער דיא צוויי ליעבענדע, אויף וויפיעל דאס איז מעגליך ביי מענשען.

דער חוש פון בעריהרען, אנטאפּען הויבט גערן אויף דעם שלייער, וואס באדעקט די שעהנקייט; דאס אויג דארף אבער ניט נאקעט מאכען דעם געגענשטאנד וועלכען עס בעטראכט; ווארום דאס אויג דרינגט דורך מיט זיין איינענער ליכטיגקייט יעדער דונקעלהייט, מאכט יעדען חשק דורכזיכטיג, מאכט אפען יעדען געהיימען קנייטש, און זעהענדיג אָדער אָהנענדיג, מעסטענדיג אדער פערגלייכענדיג ברייננט עס ארויס מיט א וואונדערליכע שנעלקייט אלע עלעמענטען פון דער עסטעטישער וועלט.

דאס אויג לאָזט פאלען זיינע שטראהלען אויף דעם געליעבטען אויג, מאכט איהם ליכטיגער און ווערט אליין ליכטיגער פון יענעם ליכט ווי צוויי שטערן, וואס בעקומען דעם שיין איינער פון אנדערען געגענזייטיג און בעשעהנען איינער דעם צווייטען. און ווען איין פּאאר אויגען זאָל מיט

בעשיידענהייט ניט אראבלאָזען די ברעמען, וואָלט פלוצלונג די פלאם אראבלאָזען זיך פון איהר אידעאלער הויכקייט און וואָלט זיך פערוואנד־לען אין טהירישע, נידריגע אינסטינקטען. אזוי איז טאקע דער פאל ביי אלע מענשען וואס שטעהען אויף א נידריגער מדרגה; ביי זיי נעהט שנעל איבער יעדעס געפיהל פון ליעבע און דריקט זיך אויס גלייך אין דעם חוש פון בעריהרען, בעטאפען.

ביז איידעלערע נאטורען אבער ענטדעקט דער חוש פון זעהען יעדען טאג עפעס נייעס, געווינט יעדען טאג נייע וועלטען. דער רייכס־טער מענש אפילו אין דער וועלט קאָן אלץ איבערצעהלען זיין געלד־-אזוי פיעל האט ער און מעהר ניט; דער מעכטיגסטער קעניג קאָן אלץ אבמעסטען זיין גרויסע מדינה און קומט צו א גרעניץ, וואס עס איז שוין מעהר ניט זיינס. ווער עס ליעבט אבער א שעהנע פרוי, האט נאך ביז זיין טויט נאך ניט אלעם געזעהען, נאך ניט אלעס בעוואונדערט. ביז צום לעצטען אטהעמצוג ענטדעקט ער נאך אלץ עפעס, וואס ער האט נאך פריהער ניט געזעהען, וואס ער האט ניט בעמערקט אדער ניט אויסגעפארשט, וואס איז פאר איהם געווען א בעהאלטענע וועלט.

דער בליץ-שטראהל פון א בליק בעלייכט א שעהנע פרוי און איהר רופט פלוצלונג אויס: „א וואס פאר א הימעלשע באשעפעניש!“ איהר זייט איבערראשט געוואָרען פון א גאנצען טומעל פון עמפפינדונ־גען, פון א גאנצער וועלט פון שעהנקייטען; איהר זייט איבערראשט געוואָרען, ענטציקט געוואָרען און הינגעריסען געוואָרען. אבער וויפיעל טעג, מאָנאטען און יאהרען זיינען נאך נויטיג איידער אייער אויג צו־נעהמט יענע וועלט פון שעהנקייטען ביז אין אלע איינצעלהייטען, ביז אין דיא איידעלסטע ניאנסען, ביז אין דיא פיינסטע שטריכען! וויפיעל ליירענשאפטליכעס לאשצען, וויפיעל תאוה'דיגעס צערטלען, וויפיעל טומעלס פון ענטציקונגען מאכט איהר דורך איידער איהר ווידערהאלט מיט א זיפץ אין פינף אדער אין צעהען יאָהר ארום נאך דעם ערשטען זעהען זיך: „א, וואס פאר א הימלישע באשעפעניש!“

די נאטור האט בעגאבט דאס לייב פון דעם מאן און דאס לייב פון דער פרוי מיט שעהנקייט און דיא טרויעריגע קורצקייט פון אונזער לעבען פארגעהט איידער מיר קאנען זיך נאך גענוג אנקוקען אויף דיא פיעלע פארמען פון מענשליכער שעהנהייט. צום גליק האט דער מענש זיך בעפעהיגט מיט דער הילף פון קונסט ארויסברייגגען די עסטעטישע אוצרות פון דער נאטור — אונזערע קליידער און צירונגס־זאכען טראגען זעהר פיעל ביי צו דער שעהנקייט פון דיא מענשליכע פארמען, און מען קאן זיך קוים מאכען א בעגריעף ווי אהן א שיעור און אהן ערך עס זיינען דיא שעהנע שטריכען וואס ווערן ארויסגעבראכט און קאנען ארויסגעבראכט ווערן. אפשר וועל איך נאך פרופען אמאל בעהאנדלען די פיזיאלאגיע פון דער שעהנקייט״, וואו איך וועל שילדערן די אל־געמיינע געזעצען. וועלבע זיינען דער גרונד פון עסטעטישע ערשיינונגען. דא וויל איך אבער בלויז בעצייכענען די גרעניצען, וואו די ליעבע און די שעהנקייט בעריהרען זיך און ענטציקען און בעפרוכטען איינע די אנדערע.

ווען אונזער אויג ווערט בעגלייט פון דער ליעבע, דאן ווערן מיר ענטציקט און געפינען עפעס נייעס אין א בלויער קארנ־בלום, וועלבע די געליעבטע האט צום ערשטען מאהל אריינגעפלאכטען אין איהרע לאקען, אדער פון א רויטען זשעראניום וואס בעפוצען איהרע שווארצע האאר. עס קאן פאר דעם געליעבטען אמאל ערשיינען א נייע וועלט א וועלכער עס איז מוסיק־שירצע, וואס זי האט אנגעטאהן אזוי קאקעט־טיש שעהן, אדער א האנדשוה שעהן פערקנעפעלט אויף דעם געלענק פון א ראזיגען הענטעלע; די פערלמוטערענע קנעפעלעך קאנען פאר אונז עפענען אמאל אזא וועלט פון ליעבליבען חן, אז מיר ווערן צונומען פון הארציגקייט.

דער מאן וועלכער ליעבט א שעהנע פרוי, לאכט אב מיט א מין רחמנות פון א פאשאס הארעם. דארף מען דען האבען הונדערט פרויען קלעהרט ער זיך, אום צו זעהען די הונדערט שעהנקייטען פון דער מענ־שליכער ווענוס, ווען זיי זיינען אלע **פעראייניגט** אין דער איין פרוי,

וועלכע ער ליעבט ! די שעהנע פרוי פעראייניגט אין זיך נים בלויז הונ־
דערט זאנדערן טויזענדערליי שעהנקייטען ; זיא צייגט זיי ארויס אין
דער רייצבארקייט פון איהר קליידונג, אין דעם שמייכעל ארום איהרע
ליפען, אין דער פערגעדערליכער שפילינקייט פון איהר מיילכעל, אין
די טויזענד חנ'עוודיגע ווענדונגען פון איהר קערפער, אין איהרע גרא־
ציעזע מאניערען, א. ז. וו.

דאס זעהען איז דער איינציגער חוש אין דער ליעבע, וועלכער
פארשטעהט אויסצוגעפינען די מאראל און דיא אינטעליגענץ פון דער
געליעבטער פערזאן : מיר בעטראכטען די געליעבטע נים בלויז מיט דעם
צוועק צו בעוואונדערן, צו געניסען, הנאה צו האבען פון'ם קוקען, נור
אויך מיט דעם צוועק אויסצופארשען, אויסצולעזען וועלכע נייגונגען,
וועלכע געדאנקען דריקען זיך אויס אין דעם צוקען פון איהרע ברעמען,
אין איהרע געזיכטס־ציגע; מיר זוכען מיט די אויגען צו לייענען דעם פנים
פון דער, וועלכע מיר וועלען מאכען פאר אונזער אייגענע.

די ליעבע מאכט די שעהנקייט פאר א מעכטיגען טיראן, וועלכער
בויגט אונז אונטער זיין ווילען און נעהמט זיך דאס הייליגסטע רעכט
איבער אונז. זעהר זעלטען קוקען מיר אויף דער שעהנקייט, וועלכע
אונזער הארץ באגעהרט אלס אויף א לייכטזיניגער, הארצלאזער פרויען־
צימער. דער בישוף פון איהר שעהנקייט מאכט אז מיר זאלען איהר
מוחל זיין אלעס. און ווען מיר דערפיהלען איהר שולד, דערפיהלען מיר
דאס נים מיט די אויגען, וועלכע זעהען, זאנדערן מיט די חושים, וועלכע
באגעהרען. די נאטור פערטיידיגט און בעשיצט דאס שעהנע מעהר פון
אלע אנדערע -- דאס איז דערפאר, ווייל די שעהנקייט איז א מין כלי
אין וועלכער דאס אמת'ע און דאס גוטע זיינען זיך משדך צוזאמען.

—{|}—

# דער חוש פון הערען,

אין דער געשיכטע פון ליעבע שפּיעלט דאס געהער א קליינע אבער א פריינדליכע ראָלע. דאס הייסט, אז אויסער דער גרויסער ראלע, וואס דאס הערען שפּיעלט אלס דער אינסטרומענט פון געדאנקען שפּיעלט עס אין דער ליעבע נאָך א קליינע ראלע אין זעהר א פריינדליכע.

געוויסע טענער רופען ארויס עמפּפינדונגען פון תאוה, פון ליידענשאפט, ווי צום ביישפּיעל דאס רוישען פון א זיידענעם קלייד, דאס צווייטשערן פון מאנכע פויגלען, דאס מורמלען פון'ם וואסער, א. ז. וו. אבער דאס זיינען בלויז אויסנאהמיגע ערשיינונגען. א חוץ דיזע ערשיינונגען האָט די הנאה פון'ם הערען אין זיך א זאנפטע צערטליכקייט דער כאראקטער פון דער פרויען־שטימע איז אן אנדערער און פון דער מענער־שטימע אן אנדערער; דער געשלעכטליכער כאראקטער פון דער פרויען־שטימע איז ריהרענד און בעריהרט דעם מאן מיט א מין אנגענעהמער זאנפטקייט ; און דער קלאנג פון דער מענליכער שטימע ווירקט אויפן הארצען פון דער פרויענצימער און מאכט עס שטארקער קלאפּען.

עס זיינען פאראן אזעלכע שטימען פון פרויען, וועלכע מען קאן ניט הערען און בלייבען גלייכגילטיג, ווייל דער זאנפטער קול דרינגט אין הארצען אריין און ערוועקט א שטורעם פון געפיהלען. זיא ריהרט טיעף, הארציג, ענטציקט און צוטומעלט. ווען א מאנספערזאָן און א פרויענצימער ריידען איינער צום אנדערען, שטעלט זיך שוין אין די קלאנגען פון זייערע שטימען ארויס זייער געשלעכטליכער כאראקטער ; ביידענס הערצער הויבען אן שטארקער צו קלאפּען, ווי עס הויבט אן צו שלאָגען שטארקער דאס הארץ אין דעם בוזים פון דער שעהנער פרוי, ווען זיא באדט זיך איידער זי שטעלט אריין דאס פיסעל אין וואסער און זי קוקט

זיך ארום פריהער צום רויש פון די בלעטער.

דער קלאנג פון דער שטימע קאן ניט זאָגען אזא געדאנק, וועלכען עס דארף אויס דריקען דאס ווארט: „איך בין שעהן, איך בין קלוג“. אבער דער קלאנג קאן זאָגען פיעל אנדערע זיסע זאכען: „איך בין אין גאנצען פרויענצימער, איך באנגעהר דיך, איך ליעב דיך שטערבליך, איך בין אליין, איך וויל דיך בעזיצען, איך געה אויס נאך דיר“, א. ז. וו. דאס קאן אויסדריקען דער קלאנג פון דער פרויען־שטימע אהן ווערטער.

דער איינפלוס פון דער שטימע דויערט זעהר לאנג. ער ווערט קיין מאהל ניט פארגעסען, און דויערט אמאל זאגאר לייננער אלס די ליעבע, וועלכע דיזע שטימע האט ארויסגערופען. שוין נאך לאנגע יאה־רען פון שווייגען און גלייכגילטיגקייט, פון פעראכטונג און פרעמדיקייט דערהערען מיר פלוצלונג א שטימע, איין טאן — און ווי דאס וואלט געווען דער ערשטער טאג פון אונזער ליעבע, אזוי דערפיהלען מיר זיך איבערראשט, ווערן צוטומעלט און ווידער בעזיגט.

דאָס הערען ווארפט אריין זיין אנקער אין דיא טיפע כוואליעס פון אונזערע געפיהלען, און שוין ניט איין מאהל איז די ליעבע וואונדער־ליך אויפגעשטאנען תחית המתים דורך דעם וואס מען האט דערהערט די ליבע שטימע, וועמעס קלאנג מיר האבען דוכט זיך שוין לאנג פארגעסען.

## דער געפיהל פון גערויך.

צו דעם חוש פון שמעקען האט די ליעבע פיעלע זעהר רעטזעל־האפטע בעציהונגען. אין דער וועלט פון חיות שפיעלט דער חוש פון שמעקען זעהר א שטארקע ראָלע און רופט דירעקט ארויס דיא ליעבע. נאך איידער דער ע ר און די ז י האבען זיך דערזעהען, האט זיך אין איהם שוין ערוועקט די תאוה דורך דעם וואס דיא לופט האט איהם צוגעטראגען איהר גערויך. מען קאן פון דיא בלומען, וועלכע ענטציקען

אונז מיט זייער ריח, קלאָהר זעהען וועלכע נאהענטע בעציהונגען עס זיינען צווישען דעם געפיהל פון שמעקען און דער ליעבע.

דער מאן און די פרוי גיבען פון זיך ארויס פערשיעדענע ריחות, און ביי נידריגע ראסען אדער ביי גראבע נאטורען ערוועקען זיך גע־שלעכטליכע רייצונגען פון ריחות, וועלכעס קומען ארויס פון געוויסע טהיילען פון קערפער. אבער אפילו אין איידעלערע נאטורען שפּיעלט אויך דער חוש הריח א וויכטיגע ראָלע אין דער ליעבע. דורך געוויסע פארפיומען, וועלכע ווערן ערצייגען דורך דער קונסט פון כעמיע, קאן מען אויס איבען א גרויסען איינפלוס. און מען קאן זאגען, אז קיין אנדער חוש האט ניט אזעלכע נאהענטע בעציהונגען צו טהירישע ליידענשאפט ווי דער חוש הריח.

מען דארף זיך נור צוקוקען צום פנים פון א פרוי, וועלכע עס שמעקט א זעהר שטארק דופטענדע בלום, ווי זיא ווערט בערוישט. ווען מען זאל א פרעג טאהן שטארק ליידענשאפטליכע מענער וועלען זיי מודה זיין, אז זיי קאנען ניט בלייבען גלייכגילטיג ווען זיי בעזוכען אן אפטהייק. ווען מען זאל א פרעג טאהן א פארפיומער וועט ער דער־צעהלען די געהיימנים פון זיין קונסט, אז ער מישט צונויף די עססענץ פון הונדערטע בלומען און פלאנצען און טריפט דעריין אריין א זעהר קליינע דאזע פון א שלעכט־שמעקענדע מאטעריע, וועלכע קומט ארויס פון די געשלעכטליכע גליעדער פון א חיה.

ווען מען זאל פרעגען די פרויען פאר וואס ליעבען זיי אזוי שטארק פארפיום, וועלען בלויז ווייניגער פון זיי געבען א בעשטימטען ענטפער. אבער יענע פרויען, וועלכע וויסען שוין פון אלע געהיימניסע פון קאָ־קעטסטווא, וועלען אייך זאגען אז דיזע געשמאקע ריחות זיינען א מעכטי־גע וואפען אין דער ארסענאל פון דער ליעבע און אז מאנכע פארפיומען האבען א שטארקען איינפלוס צו בעצויבערן דעם מאנספערזאָן.

# אלעס לעבט אין ליעבט

אין דער נאטור איז ניטא קיין שעהנערעס און גרויסארטיגערעס בילד, ווי די ליעבע פון פלאנצען און בּרואים. ווי שעהן, ווי הערליך זיינען די איינפאבע טענער, מיט וועלכע די נאטור דריקט אויס דיזע מוזיק און ווי פיעלפאך און פערשיעדען זיינען די אופנים ווי אזוי יונגע דורות ווערן ארויסגעבראכט! וואונדערליכע כחות קאנצענטרירען זיך אויף דעם פונקט, וואו די קערפערלעך בעריהרען זיך אום נייעס לעבען צו שאפען; די נאטור־קרעפטען ערשיינען דא מיט א גלענצענדער רייכקייט פון פערשיעדענע פארמען.

בעת אין אלע אנדערע טהעטיגקייטען פון דער בעל הביתטע־נאטור בעמערקט מען, אז זי איז זעהר שפארזאם, זי פערשוועגדט בלויז אזוי פיעל כחות וויפיעל עס איז ניצליך און נויטיג פאר איהר צוועק, בענוגענט זי זיך אבער ניט ביי דער ארויסברייננגונג פון נייעס לעבען בלויז מיט אנווענדען אזוי פיעל פון איהר קראפט, וויפיעל עס זאל נויטיג זיין פאר איהר צוועק. מיט פארשוועגדערישער רייכקייט פון עסטעטישע פארמען רינגעלט זי ארום יענעם מאמענט פון לעבען, אין וועלכען נייעס לעבען הויבט זיך אן.

וויפיעל חן איז פערוויקעלט אין דער בלום מיט איהרע גרויסע און רייצענדע פארמען, מיט דער בערוישענדער פערפיהרונג פון איהרע געשמאקע רוחות, מיט דער צוציהונג פון איהרע בונטע פארבען־טענער. וויפיעל אוצרות פון עסטעטישע קרעפטען דיא נאטור ניט אריין אין דער ליליע און דער רויז! און דיזער גאנצער לוקסוס ווערט געשאפען בלויז דערצו, כדי צו פערהערליכען די ליעבע פון איין טאג, פון איין שטונדע.

דיזע פראכט פון חתונה-קליידונג, וואס איז טויזענד מאהל שעהנער איידער דאס שעהנסטע געוועב פון'ם מענשענס האנד, דינט בלויז דער-צו כדי ארומצושלייערן די צניעות'דיגע ליעבע פון איין שטויב-געפעס מיט א קווייטעל.

און ווען מען געהט אריבער פון די ליליען און רויזען צו דער וועלט פון חיות און מענשען — וואס פאר א גלאנץ פון פאנטאזיע, וועלכע קראפט פון ליידענשאפטען דיא נאטור ווענדט דא אן, און אלץ כדי מעגליך צו מאכען די אומארמונג פון א מאן און א פרוי! מען דארף זיך נאר דורכגעהן אין א פריהלינגס-טאג אין א גארטען, דורכשפאצי-רען זיך דורך צו בלומען-בעעטען און זעהען די ליעבהאבערייען פון דיא בליהונגען.

די בלומען ליעבען שטום, בלויז דורך דעם ריח-נחוח פון זייערע קווייטען רעדט זייער ליעבע; אבער ביי פיעלע פון זיי שטערט דאס שווייגען ניט זייערע אומארמונגען, זייער קרעפטיגער ארומנעהמען איינע די אנדערע. עס זיינען פאראן פיעל פלאנצען, וועלכע געוועהנליכערהייט זיינען זיי אונבעוועגליך, נור פלוצלונג ווערן זיי בעפאלען מיט א דוכ-ציטערונג אין זייערע בליהונגען; געוועהנליך זיינען זיי קאלט, נור פלוצ-לונג ווערען זיי אויפגעפלאמט; דאס איז דאס ציטערען און דאס אויפ-פלאמען פון דעם הויך פון דעם ליעבעס-ברען, וואס כאפט זיי אן.

אפט ליעבען זיי בלויז איין מאהל אין יאהר, אבער ווי רייך און פערשווענדעריש זיי ווערן דאן אנגעפיעלט פון זאמען. מען דארף נור א ריהר טאהן דאן איין צווייגעל און עס גיט זיך א הויב פון זיי א גאנצער וואלקען פון פרוכט-שטויב. וואס פאר א רייכקייט פון פרוכטבארע כחות אין דער צייט, ווען די בוימער ליעבען; גאנצע וועלדער ליעבען אויף אמאל. און דאן הויבט עס אן צו לעבען און וועבען אין דער לופט פון בערוישענדע געשמאקע ריחות. אפט טראגען די ווינטען אוועק אונגעהייערע מאסען פון בליהונגס-שטויב אדער דער רעגען וואשט דורך די לופט און צומישט זיך אליין מיט דעם פרוכטבארען ליעבעס-רעגען פון דיא

בקומען.

און די לעבעדיגע ברואים׳לאך גיבען זיך אויך איבער זייער ליעבע אין יעדען ווינקעלע פון דער ערד אהן האס און אהן אייפערזוכט; אין׳ם שאטען פון די בליהענדע פיכטען-בוימער אדער אונטער דעם שטענגעלע פון דער בלום; אויף יעדען שטיקעלע פלאץ פון דער לאנקע, אין יעדען שפאלט פון׳ם פעלז, אויף דעם טעפיך פון גרינעם פעלד, אין דער טיעפ־סטער טיעפקייט פון ים, אין׳ם טראפען וואס טריפט אראב פון אייז-בארג, אין די פערבארגענסטע גרונטען פון דער ערד און אין די העכסטע קרייזען פון דער לופט.

אזוי ערוואַרעמט און בעשיינט יעדער שטראהל פון דער זונן אויף יעדען פונקט פון דער ערד און צו יעדער שטונדע פון צייט מיליאנען פון ליעבעס־אויסגיסונגען, און יעדער בלייכער שטראהל פון דער לבנה בעגלייט פאארלעך אהן א שיעור, איינע לעבען די אנדערע. און אויך יעדער רגע פאלט אראב א בלאט פון׳ם עץ החיים און ווערט שטויב, שפראצט אבער אויך ארויס אין יעדער רגע א נייע לעבענס־זריעה, און יעדעס זריעה׳לע ערווארט די פרייד פון דער ליעבע.

# דער קליינער יוסף הצדיק

אין דעם מענשען פון א נידריגער מדרגה ענטוויקעלט זיך דיא קראפט פון׳ם געפיהל, וואס הייסט ליעבע, ערשט ווען עס בילדען זיך אויס דיא אברים, וועלכע אונטערשיידען דייטליך זיין געשלעכט און ער ווערט מאן אדער פרוי, ביי רייבע און העכערע נאטורען, ביי דעם מענ-שען פון א העכערער מדרגה, בעוויזט זיך, פארקערט, א געוויסע שעהמעדינקייט, וואס ציהט גראד צו דאס אינגעלע צום מיידעלע שוין יאהרען לאנג פריהער איידער דאס שטעמפעל פון געשלעכט איז איינ-געזיעגעלט געווארען אין זיין ארגאניזם. איידער די עטהער־בלויקייט פון

הימעל ערשיינט קלאַהר, ווייזט זיך שוין א ראזיגע פארבונג, וועלכע איז אנפאנגס קוים צו בעמערקען אויפן האריזאנט, אבער טרעט ארויס באלד אין לעבהאפטע קאלירען.

דאס שעהנסטע אויפן הימעל איז די זונן, און דארום האב איך מיט דעם ווארעמסטען אינטערעס, מיט א מין הייליגער אויפמערקזאמ־קייט שטודירט דעם ערשטען אויפגאנג פון יעדער זונן, וועלכע איז דער ענין פון מיין בוך.

עס איז די גראבסטע געמיינהייט און פערדארבענהייט ווען מען הערט טאג־טעגליך די לעסטערענדע מיינונג, אז קיין קינד איז נים אין גאנצען אונשולדיג אין פראגען פון ליעבע. אין אמת'ן איז די אונשולד פון'ם קינד א סך וואהרער, א סך טיעפער און אויפריכטיגער איידער מען גלויבט גאר, און דער גלאנץ און די דימענטענע ריינקייט פון דיזער אונשולד ווערט אויפגעהאלטען אפילו דארט, וואו דיא שמוץ פון געזעלשאפטליכער פערדארבענהייט בעשפריצט זי מיט אונריינע טראפענס די רויטינקע ליפעלעך פון'ם קינד קאנען אמאל, ווי עס דוכט זיך, אויף א צולאזענעם אויפן איבערזאגען א פאסקודנעם ווארט, וואס עס האט צופעליג געהערט פון'ם דינסטמיידעל; אבער דאס ברייגגט נים אריין קיין אונריינקייט אין דער קריסטאל־ריינער נאטור פון'ם קינד, און עס איז גענוג א ריינע אויסבאדונג אומדיזער פלעק זאל אין גאנצען פערשווינדען פון'ם קינדס ריינע נאטור. דער ערוואקסענער המון איז געוועהנ־ליך גענוג פערדארבען, נים צו גלויבען אין דער אונשולד פון דיא קינד־ער — ווי אדורכגעווייקטער בעל עבירה גלויבט נים אין מעשים טובים.

בעת קינדערלעך שפילען זיך מיט לארעם, געשריי און געפילדער, פון וואס דאס קינד האט געוועהנליך גרויס הנאה, אונטערשיידעט שוין דאס איינגעלע א מיידעלע צווישען הונדערט אנדערע קינדער און באלד דערפיהלט דאס קינד א נייגונג, וועלכע האט קיין נאמען נים און בלייבט אונבעוואוסט, אבער האט שוין די בעדייטונג ווי א מיניאטור פון א שעהנעם בילד. איך עראינער מיך אויף א מלאד'ל א מיידעלע,

א גאלדיג־בלאנדע, ראָזיג ווי דער קאָליר פון פריה־מארגען־רויטקייט, וויא איך האב זי געזעהען פלוצלונג ארומנעהמענדיג מיט איהר הענטעלע דאס העלזעל פון א קליין אינגעלע, וועלכער איז געשטאנען לעבען איהר שטאָלץ מיט זיין זון־פערברוינטען פנים'על, וויא א מאטראָז. דאס קליין נפש'ל האט איהם פריה'שדיג בעדעקט מיט קוסען; ער אבער האט זיך פארשעהמט פון אזא ליעבהאבעריי און איז שטארק ברוגז געווארען, נור דאס קליין מיידעלע זאגט איהם, אז עס האט איהם אזוי זעהר ליעב אז עס וויל איהם האבען פאר א מאנעלע.

א פארקעהרטע וועלט—א מיקראסקאפישע סצענע פון א קלייניג־קען יוסף הצדיק, וועלכער האט נאך גאָר ניט געוואוסט וואס א מיידעל איז אזוינס, און א קליין דאמעלע, וועלכער האט אין קינדערשער אונשולד שוין אויסגעזעהען גאר ווי א פוטיפרע און איז אין אמתן דאך געוועז א קליינער, רייגער מלאך'ל. מאנכעס מאהל פאסירט אויך אז אין אזעלכע פלוצלונגע ערשיינונגען פון א נייגונג צווישען צוויי קינדער פון פער־שיעדענעם געשלעכט ליגט בעהאלטען אמת'ע, עכטע ליידענשאפט, וועלכע דריקט זיך שוין אויס אין אייפערזוכט און טהרערען, אין זיפצען און אין פרייד־געלעכטער, און וועלכע האט א צוקונפט.

יענע שעהנע מיידלאך, אין וועלכע די גוטע אדער בייזע נאטור האט אריינגעגעבען א כח אויף יעדער שריט און טריט צו ערוועקען פערלאנגען און ליידען פון ליעבע, וויסען גאר אפט ניט, אז צווישען דער גרויסער מחנה פון זייערע פערליעבטע געפינען זיך אויך אינגעלאך, וועלכע זיינען נאך גאר כמעט עפהלעך און וועלכע זיינען גליקליך, ווען זיי קאָנען זיך אריינגנבענען שטילינקערהייט אין דעם צימער וואו דיא שעהנהייט איז געשלאָפען, קוסען דעם טעפיך אויף וועלכען איהר פוס האט געטראטען, ווארום זי איז פאר זיי דאס שעהנסטע און בעסטע בעשעפענים אויף דער ערד, דאס טהייערסטע נאך זייער מוטער. און ווי זעלטען וויים א יונג מיידעל, וואס שפיעלט זיך מיט איהרע פינ־גער אין די לאקיגע האָאר פון א קליין־אינגעלע, ווענעס קעפעלע עס

ליגט אויף איהרע קניע, איז זיין קליין הערצעל קלאפט שטארק אונטער איהרע צערטליכקייטען ; זי ווייס ניט, אז ווען דאס אינגעלע הויבט אויף זיין לאקיגען קעפעל, איז זיין פנים׳על רויט ניט בלויז פון דער היץ, נור פון אינערליכען פייער, וועמעס נאטור ער אליין אהנט גאר ניט— פון׳ם פייער פון ליעבע.

ווען מען זאל אזא קליין אינגעלע פרעגען, פאר וואס האט ער ליעב דאס קליינע מיידעלע, וועט ער אוועקלויפען א פארשעהמטער, — ווען מען זאל דאס מיידעלע א פרעג טאהן וועט עס רויט ווערען אין גאנצען פנים׳על און וועט געבען א נאאיווען חנ׳עוודיגען ענטפער, זיי ליעבען זיך. אבער פאר וואס, דאס ווייסען זיי ניט. פונקט אזוי ווי מען זאל פרעגען א פריה־צועפענטען רויזען־קנאספעל, פאר וואס וויל עס שוין בליהען אין מערץ אנשטאט צו ווארטען אויף דעם ווארעמען, לוסט־פולען הויך פון מאי ?— עס ווייס ניט פאר וואס.

אין הייסע נאטורען ערשיינט דיא ערשטע מארגענ־רויטקייט פון דער ליעבע פריהער, ווייל די פרוכטבארע נאטור איז אונגעדולדיג צו ווארטען מיט איהרע בליהונגען, און ווייל דאס לעבען איז נור א קורצער אויגענבליק, אז מען זאל אין איהם קאנען שטילען יענעם אונענדליכען דורשט פון ליעבע, וועלכער פארצעהרט אזא מענשען. אזעלכע נאטורען ליבען פריה, ווייל די ליעבע איז אין זיי זעהר שטארק—פונקט אזוי ווי א גאונישער קאפ האט צו צעהן יאהר שוין אזעלכע געדאנקען, וועלכע דער דורכשניטליכער מענש האט ניט אפילו צו דרייסיג יאהר.

פאר וואס אבער ציהט עס דעם אינגעלע דוקא צו יענעם מיידעלע מעהר ווי צו אלע אנדערע ? פאר וואס לאזט דאס קאפריזנע מיידעלע נור פון יענעם ברוינעם אינגעלע זיך קושען און ניט פון קיין אנדערען ? דאס איז דערפאר, ווייל פאר איהר איז דיזער אינגעלע אנדערש פון אלע אנדערע. דאס איז דיא נאטירליכע וואהל, וועלכע איז אונערקלעהרליך און פון וועלכער עס קומט ארויס די ליעבע. אמאל איז דאס די צונייגונג פון צוויי פערשיעדענע נאטורען איינע צו דער צווייטער—צו אויסגלייכונג

פון גענענגעזצטע כאראקטערען ; אמאל איז דאס די אויספיעלונג פון פעהלענדע טהיילען — דאס וואס פעהלט אין איין נאטור ווערט צוגעזעצט פון דער צווייטער נאטור, צו וועלכע די ערשטע ווערט צוגעצויגען טאקע מחמת דעם, ווייל אין איהר פעהלט עס ; און אמאל איז עס דוקא די הארמאניע פון דיביידע. דאס איז די בעשטימונג פון דער מוטער־נאטור גופא, וועלכע וועהלט אויס איינעם פארן צווייטען. אזוי איז די נאטור משדך שידוכים.

ניט ריידענדיג וועגען דער פריהער קינדערשער ליעבע פון רייכע בעגאבטע נאטורען, קומט ארויס דאס געפיהל פון דער ליעבע גוואלטיג ווי נור עס ווייזט זיך אין דעם אינגעל א נייע בעדערפענים דורך דער צויבערליכער בעריהרונג פון יענער וואונדערליכער קראפט, וועלכע מאכט איהם געשלעכטליך רייף, צייטיג. ערשט דאן ווייזט זיך ארויס אונטער דער גלאטער אבערפלעכע פון׳ם אינגעלס לעבען א טיעפער אבגרונד , א ליידינקייט, וועלכע קאן בלויז אויסגעפיעלט ווערן דורך א ווייבליכע פערזאן. און פון אונטער דער שטילער נאטור פון׳ם מיידעל הויבט אן ארויסריידען די פאדערונג פון ליעבע פון איהר גאנצען קערפער, פון יעדער גליעד:

די אונשולד און די אונוויסענהייט כאפען אן דעם אינגעל און מיידעל און זיי פיהלען ווי ארויסצוגעבען זייערע כחות , אויסצודריקען דאס קאכיגע לעבען, וואס הויבט אן ברויזען אין זיי : לויפען אין וואלד, קלעטערען אויף בערג, פליהען, שפרינגען, בעטויבען זיך, מיעד ווערען. אין דיזער צייט שפרינגט מען, טאנצט מען, מען לאכט, מען וויינט ; מען ווערט אומעטיג אדער פרעהלאך נאר אהן אן ערענסטע אורזאכע, אליין ניט וויסענדיג פאר וואס. עפעס אקוראט ווי דאס אויסגעוואקסען אינגעל אדער מיידעל וואלט אבזיכטליך וועלען אבנארען זיך אליין און אנדערע, אז זיי זיינען נאך דיזעלבע קינדער, וואס זיי זיינען געוועזען ערשט נעכטען. זיי זיינען שוין אבער ניט דיזעלבע, הגם זיי וויסען נאך אליין ניט וואס מיט זיי טהוט זיך.

עס קומט די נאַכט און די גליעדער, וואס זיינען מיעד געוואָרען פון'ם טאָגס שפּיעלרייען, ווילען רוהען אין טיעפען שלאָף און דעם איינגעלם געמיטה וויל פערזינקען אין א ים פון פערגעסענהייט. אבער אפילו אין שלאָף קומען מיט איהם פאר אונגעוועהנליכע ערשיינונגען און ער דערפיהלט נייע יסורים, שמערצען פון ליידענשאפט, וועלכע בעאונרוהיגען זיין שלאָף און רעגען איהם אויף: ער דערפיהלט נייע פריידען, נייע שמערצען, וואס ער האט פריהער ניט געפיהלט!

און דאס אונשולדיגע מיידעל זיצט אויף איהר בעטעל א בענאסע־נע מיט שוויס און מיט טהרערען, מיט די הענד אין די צולאזטע האָאר און פרעגט זיך א צושראָקענע: וואס פאר א זינד האב איך בעגאנגען, וואס מיט מיר האט עפּעס אזוינס געטראפען." און נאך א שלאָפלאזער נאַכט לויפט זי צו דער מוטער און בעקלאָגט זיך, אז זיא איז קראנק, זעהר קראנק — אבער איהר טהוט קיין זאך ניט וועה. די ליעבענדע מוטער טרויסט זי מיט א שמייכעל. אבער דאָס מיידעל פיהלט עפּעס קאפּריזנע, אונגעדולדיג און פערגיסט אהן א שיעור טהרערען אהן א שום אורזאכע, אהן וועלכע עס איז שמערץ.

איהר הימעל איז אזוי ריין און קלאָהר און דאך אזוי פיעל שטורעם — טויזענדע ראמאנטישע חלומות, פאנטאזיען, וועלכע ענט־שטעהען און פארשווינדען אין איין ווייל. עס וועקסלען זיך אזוי שנעל איהרע געפיהלען — דאס א צופלוס פון אונענדליכע צערטליכקייט, ווי ארומצוכאפּען יעדער זאך און דריקען צו דער ברוסט און קושען מיט בעגייסטערונג, און פּלוצלונג אן אומעט, א ביינקשאפט, א פערצווייפלונג. וואס פאר א מהומה אין דער פאנטאזיע!

## פון איינגעל־יאהרען צו בחור־יאהרען.

איינע פון די שמערצליכסטע און פריידען־פולסטע עפּאכען איז די איבערגאנגס־שטופע פון איינגעלשאפט צו בחור שאפט. איך רוף זי

די היסטערישע פעריאדע פון׳ם לעבען.״ די פרוי איז צניעות׳דיגער און צוריקגעהאלטענער, שעהמעדיגער אלס דער מאן און הגם אין איהר נאטור איז דא א גרעסערע בעדערפנים פון ליעבע, אבער צו פערדאנקען איהר גרויסער אונשולד פארשטעהט זי זיין נאטור ניט און האט פאר איהם מורא.

דעם מאן האט די נאטור געגעבען פשוט׳ע סמנים, וועלכע זיינען פאר דער ווייבספארשוין אין גאנצען אונבעקאנט . זעהר אפט פאסירט עס דערפאר, אז איבער זיין צולאַזענקייט פאר דער צייט דערפיהלט ער די תאוה איידער די ליעבע. אויב אבער ער איז אליין צניעות׳דיג , ריין, שעהמעדיג און דאך ליידענשאפטליך , לעבט ער אויך דורך דעמזעלבען ווילדען טומעל אינערליך, וועלכען עס לעבט איבער דאס מיידעל ; ער איז אויך קאפריזנע אהן א פאר וואס, פיהלט ווילע־וויז א צופלוס פון שמחה אָהן אורזאכע, און ווערט פלוצלונג אנגעכאפט פון א וועהמוטה, פון אן אומעט און בייגקשאפט אהן א שום גרונד—א ווייבערשע נאטור !

אזוי קומט די ערשטע ליעבע, אין וועלכער דער געליעבטער ווערט אנגעזעהן אלס א גאט און די געליעבטע אלס א געטין. פאר דער ערשטער ליעבע איז אלעס געגוג. דער פערליעבטער זעהט אין דער געליעבטער און די פערליעבטע אין דעם געליעבטען דורכאוים מעלות און קיינע חסרונות, ווארום דיא ערשטע ליעבע האט הונגער פאר א מיליאָן און ברויט בלויז פאר א גראשען.

איז דער געליעבטער א בלייכער, דאן זעהט זי אין איהם א געפיהלפול שמאכטענדען ; איז ער קראנק, קומט ער איהר פאר נאך א סך פאעטישער דורך דעם ; איז ער א געזונדער קערל, קומט ער איהר פאר אלס א גבור, א גאט פון קראפט ; איז ער פרעך, אונפארשעהמט, זעהט זי אין איהם בלויז אז ער איז מוראדיג ליידענשאפטליך ; איז ער עגאאיסטיש—אָ, דאן איז אודאי גוט, דוכט זיך איהר, ווייל נור אין איהר וועט ער געפינען זיין גליק, דען ווער קאן איהם נאך ליעבען אזוי שטארק וויא זיא !

וויפיעל פאעזיע עס געפינט זיך אין׳ם הארצען פון׳ם הייסבלוטיג־ען בחור׳ל, ווען ער נעהמט ארום א דארפיש געזונדע שעהנהייט מיט רויטע באקען! און וויפיעל ביינקשאפטליכע פאעזיע זינגט ארויס פון׳ם הארצען פון׳ם פערליעבטען בחור׳ל, וועלכער טרוימט וועגען זיין געליעב־טער פאבריק־מיידעל מיט די בלייכע באקען! די ערשטע ליעבע איז אזוי פערפיהרעריש, אז וועה איז דער אונערפאהרענער, ווען דער געגענ־שטאנד פון איהר ליעבע איז א דורכגעטריבענער אלטער בל־בו־ניק, וועלכער האט שוין די געניטקייט ווי ארייננצושעפצען איהר: איך ליעב דיך! און וועה איז דעם אונשולדיגען יונגען מענשעל, ווען א נעניטע פרויענצימער וויס ווי ארייננצוכאפען איהם אין איהר נעץ! ווארום בלינד און פאנטאסטיש איז די ערשטע ליעבע — זי מאהלט דעם פער־ליעבטען אלעס אין די הערליכסטע קאלירען.

ביי דעם ערשטען אויפפלאקערן פון דעם ליעבעס-פייער בעגעהט מען שוין א ליעבעס-זינד. ווארום ווי פייעריג אונזער ליעבע זאל ניט זיין, ווי מיר זאלען ניט פארהערליכען אונזער אידעאל, זאגען מיר דאך אבער א ליגען, ווען מיר שווערען: „איך ליעב דיך מעהר פון אלעס אויף דער וועלט און וועל דיך אזוי ליעבען אויביג, ווארום דו ביסט מיין ערשטע ליעבע און מעהר וויא איין איינציג מאהל ליעבט מען ניט!“ און באלד ווערט דיזער ליגען בעזיגעלט מיט א קוס.

זייט עהרליך ווען איהר גיט דעם ערשטען קוס, אויב איהר ווילט אז דיא ליעבע זאל זיין דיא העכסטע פרייד פון לעבען און ניט בלויז א האנדעל פון ליידענשאפטליכע געפיהלען דורך ליגען! אייער ליעבע מעג זיך זיין אייער ערשטע, אבער דערפון איז נאך וויים ניט קיין ראיה, אז עס איז דיא איינציגע, די סאמע אמת׳ע, די גרעסטע. שווערט ניט פאלש איידער איהר ווייסט ניט דעם אמת פון דער ליעבע. ווארום עס קאן זיין אז ניט לאנג נאך אייער שבועה און נאך אייער ערשטען קוס, זאל קומען חרטה און גלייכגילטיגקייט.

דערפאר קומט עס אמאהל, און אפשר גאנץ אפט אז נאך ניט

קענענדיג די אמת׳ע ליעבע הויבט מען איהר שוין אן צו טאדלען און אבצולייקענען, טענה׳נדיג, אז זי איז מעהר ניט ווי א פאנטאזיע, א חלום אן איינריידעניש, און דאס קומט דערפון וואס מען האט ביי דער ערשטער הינרייסונג אזוי הייס געשוואָרען אין ליעבע. דאס ווען מען כאפט זיך אז מען האט זיך אבגעבריהט, הויבט מען אן צו שענדען דעם טעמפעל, וועלכען מען האט נאך גאר ניט בעטראטען.

ווען א בחור און א מיידעל געשטעהן זיך, אז זיי ליעבען איינער דעם אנדערען — עס קאָן מעגליך זיין אז דאס זאל זיין זייער ערשטע ליעבע. אבער גלייך ווי זיי דערפיהלען ליעבשאפט איינער צום אנדערען טאָרען זיי נאָך ניט שווערען, אז דאס איז זייער איינציגע און דיא ערשטע ליעבע, אויב א שבועה איז ביי זיי הייליג. זעלטען איז דיא ערשטע ליעבע די אמת׳ע ליעבע, פונקט אזוי וויא דאס ערשטע ווערק פון א שריפטשטעלער איז זעלטען דער אמת׳ער אויסדרוק פון זיין גייסט.

דיזע „איינציגער און ערשטע ליעבע״ איז דאס רוב א פוסטער קלאנג ווי פיעל אנדערע פוסטע פראזען. און דיזע פוסטע פראזע האט געבראכט מעהר קרבנות אין אונזער מאדערנער געזעלשאפט, איידער פיעל אנדערע פארברעכען און קראנקהייטען, פיזישע און גייסטיגע. אויב אייער ליעבע איז ווירקליך אייער ערשטע, דארפט איהר אודאי זיין בעשיידענער און עס איז גענוג ווען אייערע ליפען ריידען ארויס ניט מעהר ווי: „לאמיר ליעב האבען איינער דעם צווייטען!״

און אויב איהר בעלאנגט צו יענע קליינער צאהל גליקליכע שטערבליכע, וועלכע ליעבען בלויז איין איינציג מאָהל, און ווער רעדט נאך, אויב איהר געהערט צו יענער גאנץ קלייניקער צאהל גליק־ליכע מענשען, וועלכע האבען אין דער ערשטער פרוי, וואס זיי האבען ליעב געקראָגען, געפונען יענעם אידעאל, פון וועלכע זיי האבען געטרוי־מט, דאן זייט איהר גליקליך אהן א שיעור. אויב עס איז ווירקליך פאראן איין גאט, וועלכער זיצט אויף זיין גילדערנעם כסא הכבוד אין הימעל און קוקט אראָב מיט אויבינער גערולד אויף דיא מענשען פון אונזער

פלאנעטע—וויא אפט מוז ער שמייכלען, זעהנדיג ווי עס ווערט מיסברויכט דיא פערזיכערונג אין אויבּיגער ליעבע. בעסער וויינינער געשוואריען און מעהר געליעבט!

און זאלע׳ מיינע שעהמעדיגע לעזערינס, וועלכע זיינען אידעאליסטיש געזיננט, ניט קוקען מיט פעראכטונג אויף דיזער עצה, וועלכע קאן פאר זיי אפשר קלינגען ציניש, די וייטערע בלעטער פון דיזען בוך וועלען זיי איבערציינגען, אז דער צוועק זיינער איז דוקא, אז די ליעבע זאל ערהויבט ווערן צו די העכסטע מדרגות פון אידעאל. ליידער אָבער איז דאָס לעבען אין אונזער געזעלשאפט אזוי פארשלייערט מיט זיסע, פארשטעל־טע פראזען און פאלשען גלאנץ, אז עס איז שווער צו דערקענען דיא ווירק־ליכע נאטור פון זאכען, און א פשיטא שוין אין פראזען פון ליעבע. דא פאלשעווען מיר אלע. מען דארף האָבען דעם פרייסטען מוטה, ווען מען וויל זיין אויפריכטיג און בלויז דורך אויפריכטיגקייט קאָנען מיר זיך אויסהיילען פון די פאלשקייטען פון ליעבע, וואס דאס איז ניט קיין נאציאָנאלע קראנקהייט, נור אן אלגעמיין מענשליכע.

## דער קוואַל פון אמת׳ער ליעבע.

וועלכע זיינען אבער די אמת׳ע קוועלען פון דער ליעבע? וואָס הייסט אמת׳ע ליעבע און וועלכע וועגען פיהרען צו איהר היילינען טעמ־פעל? אין דער ווירקליכקייט האט בעדארפט זיין נור איין קוואל און בלויז איין וועג. די צרה איז אָבער וואס ארום דעם אמת׳ן וועג דרעהען זיך אזוי פיעל ווענעלאך און שטעגלעך, אז זיי פארשטעלען דעם נאטיר־ליכען וועג און מען זוכט דארום דאָס רוב אויף די קרומע און פאלשע וועגען צו קומען צום ציעל. דער אונגליק בעשטעהט אבער דעריין, וואָס דיזע אלע פאלשע און קרומע וועגען פון דער ליעבע פיהרען צו א לעבען פון ענטוישונגען און ערביטערונגען.

די פיעלע קליינע נאטירליכע קוועלען פון דער אמת'ר גרויסער ליעבע פליסען סוף כל סוף צונויף אין איין איינציגען. פון טראָפּענס ווערען קליינע רינעס, פון די קליינע רינעס ווערט צונויפגעפליסט א גרויסער שטראָם און דער מעכטיגער שטראָם גיסט זיך ענדליך אוים אין א ווארעמען, ברויזענדען ים פון סימפּאטהיע.

די סימפּאטהיע, די צונייגונג איז דער איינציגער און אמת'ר קוואל פון דער ליעבע. סימפּאטהיע, דאס איז דאס שעהנסטע וואָרט פון אלע שעהנע ווערטער פון דער מענשליכער שפּראַך! „צוזאמען ליידען" — דאס איז דוכט זיך א טרויעריגער אויסדרוק אין'ם צוזאמענלעבען פון צוויי מענשען! אבער ווי ערהאבען דאס איז: צוזאמען פיהלען, צוזאמען אין פרייד און צוזאמען אין לייד. צוויי הערצער, וואָס פיהלען איינס; אויפן קוק צוויי וועלטען, וועלכע קומען זיך אבער צונויף אין איין מיטעלפּונקט; צוויי נערוועז-סיסטעמען, וואס יעדערע האט זיך פערשיעדענע קוועלען פאר עמפּפינדונגען, אבער דאס זיינען עמפּפינ־דונגען, וועלכע צוויי הערצער פיהלען אין דערזעלבער צייט. צו זעהען איינע דעם צווייטען, בעטראכטען איינע דיא אנדערע און באנעהרען איינע די אנדערע — א פונק, וועלכער קומט ארוים פון דער בעריהרונג פון דיזע ביידע באנעהרען — דאס איז דער ערשטער פאקט פון דער ליעבע.

צוויי איינזאמע שיפען שניידען דורך דעם גרויסען מדבר פון לעבענס ים, ניט וויסענדיג איינער פון אנדערען; דער ווינד פיהרט זיי צוזאמען; א סימפּאטישער הויך בלאָזט־אויף ביידענס זעגלען און ביידע האבען שוין דיזעלבע בעוועגונגען; זיי פיהלען זיך פערבונדען פון דערזעלבער בעדערפניס, וואס ביי זיי ביידען איז גלייך פאראן — א פערבינדונגס־שטריק ווערט איבערגעוואָרפען פון איין שיף צום אנדערען. און פון דעם אויגענבליק אן, וואס זיי ווערען צוגעקייטעט איינע צום אנדערען, שניידען זיי דורך ביידע גלייך דעמזעלבען וועג אין לעבענס'ים, קעמפּפען געגען דערזעלבער געפאהר, און קומען צו צוזאמען צום זעלבינען ברעג.

די פייערינגסטע נייגונג קומט ארויס פריהער דערפון, וואס זיינער בעוואונדערט אין אנדערען די שעהנע פאָרם, אדער פון פיהלען דאָס שעהנע; דערפון קומט דער באגעהר און מען זוכט שוין די בעפר׳עדיגונג פון דער באגעהרטער זאך, דאָס הייסט שוין מען ליעבט. וואָרום וואס אנדערעס איז די ליעבע, אויב נית דאָס אויסוועהלען פון די שעהנסטע פארמען כדי דיזע שעהנע פארמען אין נייע דורות אוויסצוברייננען? ליעבע איז די נאַטירליכע אויסוועהלונג פון דאס בעסטע, וואס זאָל טריאומפירען איבער דאס מיטעלמעסיגע; די אויסוועהלונג פון דאָס יונגסטע און דאס שטאַרקסטע, וואָס זאָל איבער לעבען דאָס אלטע און דאָס שוואַכע.

דאָס ווייב, די אויפהאלטערען פון דער לעבענס-זריעה, מוז שעהנער זיין פון׳ם מאן, ווייל דער מאן ליעבט אין איהר פריהער פון אלעם די שעהנע פאָרם. אמת, אז אפילו מיטעלמעסיגע פארמען קאָנען ערוועקען א פייערינגען באגעהר, ווען זיי זיינען פאראיידעלט פון א גרויסען גייסט און פון א ליידענשאפטליך הארץ, אבער אזא סימפאטהיע איז שוין נית קיין גאַנץ נאַטירליכע.

אויף דער פרויענצימער מאכט אויך אן איינדרוק דיא שעהנע פארמען פון דעם מאן און זי קאָן א מאן ליעבען נור דערפאר, ווייל ער איז שעהן; אבער ביי איהר פארנעהמט די סימפאטהיע א ברייטערען פלאַץ; די פרוי קאן נתפעל ווערן און בעאיינפלוסט ווערען פון די אייגענשאפטען פון דעם מאנס כאראקטער און פון זיינע גייסטיגע פעהיגקייטען. מיט דעם מאַן איז אפט נית אזוי דער פאַל. ער וועט גיכער נתפעל ווערן פון דער פרויס שעהנקייט אלס פון איהרע כאראַקטער-אייגענשאפטען אדער פון איהר גייסט.

אַפילו גאַנץ העסליכע מענער געניסען דעם הימעלשעלן גליק געליעבט צו זיין, אבער דאס איז דער פאַל, ווען דיא פרוי ווערט גערייצט פון זיין כאראַקטער, פון זיין גייסט, וואָס דאָס פאַרנעהמט אין איהרע אויגען דעם פלאַץ פון שעהנקייט. דאס גופא קומט איהר פאַר א

אזוי שעהן, אז זיא ווערט געררייצט. דיא פרוי האט אין זיך אייגענטליך אזוי פיעל רייצענדע שעהנהייט, אז זי קאן באשטעהן ניט צו זוכען עס אין איהר געליעבטען. אָבער בעצויבערט מוז זיא ווערען פון עפּעס. זיא ווערט דאן בעצויבערט און בעזיעגט פון דעם גלאנץ פון זיין גייסט, פון דער נאבעלער שעהנקייט פון זיין כאראקטער אדער פון דער שעהנקייט פון זיין גבורה.

אבער דיא אלע מעלות פון גייסט און כאראקטער קאָנען בלויז דאן האָבען אן איינפלוס אין דער ליעבע, ווען זיי פערבינדען זיך מיט דעם בעגריעף פון שעהנקייט — זאל זיין אז ער איז שעהן דורך זיינע מידות, דורך זיין שכל, דורך זיין בענעהמונג און האלטונג. אבער דאס איז אלץ עפּעס וואס איז שעהן, ווארום די עסטעטיק בעהערשט אלע ערשיינונגען אין דער ליעבע.

עס זיינען אפשר פאראן אזעלכע פילאָסאָפען, וועלכע בעריהמען זיך, אז זיי האבען געליעבט א העסליכע, אינטעלעגענטע און געפיהל פאָלע פרוי. אבער ווען אזא פילאָסאָף זאל גוט ארייננקוקען ביי זיך אין הארצען און פרופען געפינען דעם קוואל פון וואנען עס שטאמט ארויס זיין ליעבע, וועט ער סוף כל סוף אויסגעפינען, אז ער האט אין איהר געליעבט ווייבליכע מעלות: איהר צערטליכקייט, די ווייכע מיטפיהלונג פון איהר הארצען אדער ער האט ניט געקאָנט גענענשטעהן איהר ליעבשאפטס־קלוגקייט, איז געוועזען גערייצט פון דעם, וואס זיא האט פערשטאנען ווי צו ערוועקען אין איהם ליידענשאפט. מיט איין וואָרט ווי ער פערזאכט ניט די פארם, פון דעסטוועגען איז ער דאך פערכאפּט געווארען פון דעם רייץ פון איהר ווייבליכען געשטאלט.

דאס ווייב, פארקעהרט, וואס פערליעבט זיך אין א העסליכען מאן, ווערט געבלענדעט פון אזעלכע מעלות אין איהם וואס זיינען דוקא מענליך, פון זיין העלדישען מוטה, פון זיין גייסטרייכקייט, מיט איין וואָרט פון עפּעס א שטארקער מעלה. דער עיקר איז אבער, אז דיא שעהנקייט איז טאקע דער שטארקסטער פאקטאר אין יעדער נייגונג

פון ליעבע. ווארום דיא ליעבע איז דאך די ליידענשאפט פון דער יוגענד און יונגקייט גופא איז דאך איינע פון דיא ליעבלינגס־פארמען פון שעהנקייט.

אז צוויי שטראהלען פון דעם אויג פון א מאן און א ווייב זאלען שוין ביים ערשטען מאהל פון זייער בעגעגנען זיך אויפפלאמען וויא איין איינציגער בליץ, איז זעהר א זעלטענער פאל. אין איין און דעמזעלבען אויגענבליק זיך בעגעגנען, זיך זעהן, זיך בעוואונדערען, פערלאנגען און בעגעהרען איינער דיא אנדערע און אומארעמען זיך—מיט איין איינציג־ען בליק, וועלכער נים א בלאנק ווי א בליץ פון הימעל, זאלען זיי זיך שוין זאגען: „איך ליעב דיך און דו ביסט מיין" — דאס איז יענע זעלטענע און צו שעהנע פרייד, פון וועלכער זעהר, זעהר ווייניג מענשען האבען וועלן געגאסען אדער וועלען ווען געניסען.

מעהרסטענטהייל פאסירט, אז ביידע ליעבענדע געפינען זיך נים אויף דערזעלבער מדרגה אין זייערע פערהעלטניסע איינער צום אנדערען. דאס רוב ליעבט איינער פון זיי שטארקער, דער אנדערער שוואכער, אדער בעסער געזאגט, אין איינעם האט זיך ענטוויקעלט דיא נייגונג צום אנדערען שנעלער איידער די נייגונג פון דעם אנדערען צו איהם: אין איינעם האט די ליעבע זיך שוין אזוי צופלאמט, אז זי האט דערגרייכט שוין די העכסטע שטופע פון ליידענשאפט און באגעהר, און אין דעם אנדערען הויבט זי זיך ערשט אן צו ריהרען; איינער פליהט שוין אין די וואלקענס אויף די פליגלען פון ענטציקונג, בעת דער אנדערער האט זיך ערשט קוים א הויב געטאהן פון דער ערד.

און אפילו דארט, וואו ביידענס ליעבע גלייך האט שוין דערגרייכט דעם העכסטען גראד פון פריידענס־בערוישונג און ווען ביידענס הער־צער שלאגען גלייך שטארק, אז זיי זיינען שוין ביידע איבער־גליקליך, אפילו דארט אונטערשיידט זיך אויך דיא ליעבע פון דער פרוי פון דער ליעבע פון דער מאן. דער מאנסביל וועט מיט איין בליק אלעס ארויס־זאגען; ער איז זיך גלייך מודה מיט א געווויסען שטאלץ, אז דיא ליעבע

האט זיך בעמעכטיגט איבער איהם און האט איהם בעזיעגט ; דיא פרויענצימער וועט דאס אבער אזוי גיך ניט צוגעבען ; ווי זי זאל ניט זיין בעצויבערט און וויא אין איהר זאל ניט גליהען דיא סימפאטהיע, וועט זי אראבלאזען די ברעמען, ווי זי וואלט וועלען פארשטעלען איהר בליק פון דער צו העלער ליכטיגקייט פון דער ליעבעס־זונן. וויא אין איהר זאל ניט ברענען די ליעבע, פון דעסטוועגען וועט זיא זוכען דעם מאנסביל צו בערוהיגען, אבצוקיהלען איהם.

עס קומט עפּעס אזוי אויס, ווי זיינע בליקען וואלטען איהר זאָגען : „אך, איך געה אויס פאר דיר !" און וויא איהר בליק וואלט איהם ענט־פערען : „אפשר וועל איך דיך ליעבען." און אזוי געהט עס צו מיטביידע גליקליכע פערליעבטע, ביז וואנעןביידענס נייגונגען גלייכען זיך אויס און דער לאננער קאמפף ענדיגט זיך מיט א גלייכען גליקליכען זיפץ פון זיי ביידען. און וואס לייגנער עס דויערט דער ליעבעס-באגעהר, אלץ שטארקער ווערט ער. דא ווירקט דערזעלביגער געזעץ פון פיזיק, וועלכער בעהערשט אלע קרעפטען אין דער נאַטור — וואס לייננער עס דויערט די ענערגיע אלץ שטארקער זאמעלט זי זיך אן.

ווען א ליעבע ברעכט אויס פּלוצלונג איז זי זעלטען זעהר דויער־האפט, און ווען עס פּאסירט נאך אז די פּלוצלונגע ליידענשאפט קריגט אויך באלד איהר בעפריעדיגונג, דאן דויערט זי געווים ניט זעהר לאנג. עס איז א גרויסער אמת אין דעם וואס מען זאָגט, אז די ליעבע איז ניט א שלאַכט, נור א לאנגער קריעג. און ווען אפילו נאך דער ערשטער מלחמה זאלען פאלגען נאך פיעל מלחמות, קאָן דאך דיא ערשטע אין אונז איבערלאָזען א לאנגען איינדרוק. דיא פאלקאמסטע ליעבע איז א זונן, וואס וויים ניט פון קיין אונטערגאנג. געוועהנליכערהייט אבער איז דיא ליעבע אזא זונן, וועלכע וואס לייננער דויערט איהר אויפגאנג אלץ לייננ־ער וועט דויערן ביז זיא געהט אונטער.

און אזוי זיינען מיר צוגעקומען גאנץ נאטירליך צו דעם גרענעץ, וועלכער טהיילט אב דעם איינציגען ריכטיגען וועג צום ליעבעס-טעמפּעל

פון אלע אנדערע זייטיגע וועגלאך און שטעגלאך. וואס פלאנטערען זיך ארום דיזען וועג. פריינדשאפט קאָן זיין א קוואל פון ליעבע, און פון דאנען זיינען ניט ווייט אויך ערגערע קוועלען, פון וואנען עס קאָן ארויס־פליסען ליעבע : דאנקבארקייט , מיטלייד, אייטעלקייט, תאוה, נקמה.

ווען מען האט מיט א פרוי לאנגע בעקאנטשאפט און מען רעכענט זי פאר א פריינדין בלויז, און אין איין שעהנעם טאג כאפט מען זיך, אז מען האט זי ליעב, קאָן מען אזא ליעבע צוגלייכען צו טראָפּישע פרוכט וועלכע קאָנען אין אונזער קלימאט וואקסען בלויז אין א אראנזשערעע; עס איז אן אלטע פראגע צו עס איז מעגליך אז צווישען א מאנספּערזאָן און א פרויענצימער זאל עקזיסטירען בלויז פריינדשאפט און עס זאל ניט זיין דעריין ארייגעמישט דער עלעמענט פון ליעבעשאפט דאס איז א פראגע, וועלכע עס איז שווער צו לייזען, דערפאר ווייל פיעלע רופען אן מיט דעם נאמען „פריינדשאפט" א געפיהל, וועלכע קומט פון אמת'ר און עכטער ליעבע, נור דער באגעהר ווערט דא פיעלייכט באהערשט פון דער שטרייגנער האנד פון פפליכט . דער געפיהל פון ליעבע קווינקעלט דא אהער און אהין און בעטרעט קיין מאהל ניט דעם טעמפּעל פון דער ליעבע.

נור אן אמת'ע, א קלאָהרע, א רוהיגע פריינדשאפט מיט אלע סמנים פון פריינדשאפט זאל קאָנען עקזיסטירען צווישען א מאן און א פרוי, דאס איז נור מעגליך אונטער איין בעדינגונג, אז ער זאל געשלעכט־ליך אויפהערען צו זיין א מאנספּערזאָן און זי זאל אויפהערען צו זיין א פרויענצימער. אבער רויבען פון אן אינדיווידואום דאס געשלעכט איז דאך אן אבזורישע פיזישע און מאראלישע פערקריפּלונג וואס נעהמט פון איהם אוועק א העלפט פון זיין וועזען. און דאן ווען צווישען צוויי אזעלכע סריסים הערשט פריינדשאפט איז דאך דאס ניט קיין פריינדשאפט צווישען א מאנס פּערזאָן און א פרויענצימער, נור צווישען צוויי מענשען וואס זיינען ניט מאנסביל און ניט פרויענצימער. אזוי לאנג ווי זיי זיינען מאנספּערזאָן און פרויענצימער און איינער פיהלט א נייגונג, א באגעהר

פארן אנדערען, הייסט עס שוין אז פון זייער פריינדשאפט איז גע־ווארען ליעבע.

אבער וויפיעל קאָן מען געפינען אזעלכע מאראלישע סריסים? וויפיעל מענער און פרויען קאָן מען אנצעהלען, וועלכע זאלען איינע דיא אנדערע ליעבען און זאלען ניט באגעהרען איינע דיא אנדערע? פרופט זיי איבערצעהלען, דאן וועט מען אפשר קאָנען אָנווייזען אז עס זיינען פאראן אויף דער וועלט אזוי פיעל און אזוי פיעל פעלע פון „פריינדשאפט אָהן ליעבע״ צווישען מענער און פרויען. פארלייפיג האט זיי נאך קיינער ערגעץ נים געזעהען.

איך וויל אבער נאך קלעהרער זיין, מען זאל ניט זאָגען, אז איך וויל זיך ארויסדרעהען פון דער פראגע. איך וויל פרעגען: איז דען דא אויף אונזער ערד איין מאן און איין פרוי, וועלכע זעהען זיך גערן, וועלכע ליעבען זיך און וועלכע זאלען איינער פון אנדערען גאר נישט וועלען גע־ניסען, אפילו ניט א קוש? אויב עס איז דא אזא מאנסביל און אזא פרויענצימער, דאן גלויב איך אז אזעלכע צוויי מלאכים זיינען פריינד און אז עס איז מעגליך אזא פסיכאלאגישע ערשיינונג פון בלויז פריינדשאפט צווישען צוויי פערזאָנען פון בעזונדערע געשלעכטער.

## ליעבע אוים דאַנקבאַרקייט

די ליעבע קאָן זיך ענטוויקלען פון יעדען מילדען געפיהל צווישען א מאַנספערזאָן און א פרויענצימער, און לייכטער פון אלעם ענטוויקעלט זי זיך פון א פריינדשאפט, וואס עקזיסטירט צווישען איהם און איהר — עס קאָן זיך פון דעם פריינדשאפטסגעפיהל ענטוויקלען אמאל א זעהער געזונדע ליעבע פאר זעהר א לאַנגע צייט, אבער דיעזע ליעבע בעהאלט זיך תמיד אונטער א קאלטער הויט און אונטער א פאַלשער פאַרב. אין אלגעמיין קאָן מען זאָגען, אז כמעט אלע אזעלכע ליעבעס, וואס טראגען דעם כאַראַקטער פון פריינדשאַפט בלויז צווישען איהם און איהר, זיינען

קראנקהאפטע ליעבעס; מען דארף זיי פערשרייבען היילמיטלען: וואסער־קור און לעבער־טהראן

צו אזעלכע מינים ליעבעס בעלאנגט די ליעבע, וואס קומט ארויס פון דאנקבארקייט. דער גרויסער פאעט דאנטע זינגט וועגען דער ליעבע אזוי:

„די ליעבע האט נאך קיין מאהל ניט געצוואונגען צו נעגענליעבע.“

דאס הייסט אז ווען א פערזאן הויבט אן צו ליעבען עמיצען איז נאך וויט קיין ראיה ניט, אז זיין ליעבע וועט ארויסרופען געגענליעבע ביי יענעם און דאס איז אמת. אין די מעהרסטע פעלע פערליעבען זיך צוויי איינער אין אנדערען ניט גלייך; דער אונטערשיעד איז אין צייט און אין דער מאס פון די טריט, וואס יעדערער פון זיי מאכט צו ערגרייכען דעם ציעל. אבער צוויי זאלען זיך גלייך בעגעגענען אויף דעם הויפט־וועג פון סימפאטיע-דאס איז א זאך וואס טרעפט קיין מאהל ניט.

דער אפעקון, וואס טרוימט פון דער ליעבע פון יענער, וועלכע איז אונטער זיין שוץ; דער רייכער בעל צדקה, וואס האפט צו געווינען ליעבע ביי דער יתומה, וועלכע ער האט אויסגעהאָדעוועט; דער אלטער בחור, וואס ערווארט ליעבע פון זיין הויזהאלטערען די אלע זאלען וויסען, אז דאס געפיהל פון דאנקבארקייט אליין האט נאך קיין מאהל קיין רעכטע ליעבע ניט ארויסגעבראכט; אזעלכע ליעבעס זיינען אפשר געווען מאנכע מאהל עהרליכע קינדער פון דער מוטער דאנקבארקייט, אבער דאס רוב זיינען דאס דאך ממזרים, ווארום זייערע אמת'ע עלטערען זיינען ניט די געפיהלען פון דאנקבארקייט. דיא דאנקבארקייט קאָן בלויז זיין א גוטע פיהרערין אויף דעם וועג פון סימפאטהיע, וואס פיהרט צו דער ליעבע אבער בלויז א פיהרערין.

עס זיינען פאראן מענער און פרויען, וועלכע מען קאָן פערגלייכען מיט יענע קאלט-בלוטיגע חיות, וועלכע האבען ניט קיין אייגענע ווארעמ־קייט, זייער טעמפעראטור הענגט אב פון דער סביבה, אין וועלכער זיי געפינען זיך; דאס איז די טעמפעראטור פון דער ארומיגער נאטור און

נים די היץ וואס ברענט אין זיי גופא. פאר אזעלכע מענשען איז שווער דורך אייגענעם באגעהר צו ליעבען ; זיי דארפען עפעס האבען א פרעמדע ליעבע, וואס זאל זיי דורכווייקען, ווי ווין ווייקט דורך א צוקערלעקעבעל. זייערע נייגונגען זיינען קאלט. אזעלכע מענשען וועלען תמיד זוכען אין ביכער אדער וועלען זיך ערקונדיגען ביי אנדערע, וואס הייסט ליעבע, און זיי וועלען דאס דאן פערגלייכען מיט דעם, וואס זיי אליין פיהלען אום צו וויסען צו פיהלען זיי דאס ליעבע אדער נים. אויב זעהר געפיהל איז אזוי טאקע, ווי אנדערע ערקלעהרען, וועלען זיי זיך א זאג טאהן : „ליעב איך דאך טאקע אויך מיט אן אמת.“ אזעלכע מענשען זיינען פאראן פיעל, אסך מעהר איידער מען קאן מיינען. און פאר זיי איז זיכער צוגעפאסט דער פערז פון דעם דיכטער. זייער ליעבע וועט קיין מאהל נים צווינגען צו געגענליעבע. אזעלכע ליעבען אויס דאנקבארקייט אדער אויס מיטלייד וואס איז דיזעלבע זאך.

אזא ווייך געפיהל, וואס הייסט ליעבע אויס דאנקבארקייט, דארף אבער נים פערביטען ווערן מיט יענעם געפיהל פון מיטלייד, וועלכע הויפטזעכליך די פרויען פיהלען פאר יענע מענער, וועלכע זיינען אין זיי זעהר שטארק פערליעבט און פאר וועלכע זיי פיהלען אויך א מין ליעבע אויס מיטלייד, אבוואהל דאס איז נים די עכטע ליעבע.

א פרויענצימער ווערט לייכט געריהרט ; אין איהר ערוועקט זיך א געפיהל פון רחמנות, ווען זיא זעהט א צווייטענס יסורים. דערפאר טרעפט עס, אז א פרויענצימער נים זיך אפט איבער דעם מאנסביל נים וויל זי זאל פיהלען צו איהם ליידענשאפט, נור וויל זי פיהלט צו איהם רחמנות. דאס פערבינדט זיך שוין ביי איהר מיט דעם געפיהל פון שטאלץ, וואס זי בעזיצט די מאכט אן אונגליקליכען גליקליך צו מאכען.

דער מאנסביל רעכענט זיך אפט מיט דיזער שוואכקייט פון'ם ווייבליכען געשלכט און מיסברויכט עס אויף א זעהר מיאוסען אופן. ווי- פיעל מאנסביל וועט איהר געפינען, וועלכע זיינען אזוי געמיין, אז זיי וועלען דערנאך פערלוימדען אליין די פרוי, וועלכע האט זיך זיי איבער

נעגעבען ווערענדיג זיי גליקליך מאכען.

א מאַנספערזאָן קאָן אויך ליעבען אוים מיטלייד, אבער דאס איז ביי איהם פערבונדען מיט א מין שטאָלץ, ווענען וועלכען אונז וועט נאך אויסקומען שפעטער צו ריידען

זעהר אפט קאן אויך פאסירען, אז די פרוי זאל ענדליך דערפיהלען וואהרע ליעבע צו דעם, וועלכער געהט אוים פאר איהר, וועלכע זיפצט און ליידט אוים ליעבע צו איהר. די נאַטור האָט געשיינקט דער פרוי אן אוצר פון געפיהלען און דארום איז איהר רחמנות־געפיהל זעהר טיעף; איהר הארץ קאָן צונומען ווערן ביז וועהטאג. אבער דאס געפיהל פון רחמנות גופא איז אזא מילדע זאך, אז עס קאָן קיין מאהל ניט קומען צו קיין פאלשטענדיגער אויסגלייכונג צווישען דעם מיטליידענדען און דעם בעמיטליידנדען. אזא ליעבע וועט זיך קיין מאָהל ניט צופלאקערען מיט א פלאם פון ליידענשאפט אין הארצען פון דעם מיטליידענדען צו דער פערזאָן, אויף וועלכער ער האט רחמנות. אזעלכע ליעבעס זיינען אזוי ווי די שירים פון א ניט־פאעט: זיי קאָנען זיך זיין שעהן געשריעבען אבער דער גאָט פון פייער אטהעמט אין זיי ניט און זיי וועלען ניט ער־וועקען אין דעם לעזער קיין הייליגע בענייסטערונג. אזעלכע ליעבעס קאָנען נור האלטען זיך אין א מילדען קלימאט, ביז עס קומט פלוצלונג אן דער אמת׳ר גאָט, וועלכער בעפעהלט און פאדערט זיינע קרבנות מיט דעם אש תמיד.

דיא פרוי, וועלכע איז געוועזן אזוי אונגליקליך, אז זיא האט נאך קיין אנדער ליעבע ניט געפיהלט, ווי בלויז די ליעבע אוים מיטלייד, קאָן זיין נענארט אין זיך אליין; זי קאן זיך איינבילדען, אז זיא ליעבט טיעף און באמת; אבער וועה, ווען עס קומט דערנאך אין איהר הארצען דיא ערוואכונג פון דער ווארמער, הייסער, עכטער ליעבע און זיא פערגלייכט זיא מיט איהר פריהערדיגער געמיינטער ליעבע! דאס מילדע בליהמעל פון דער רחמנות־ליעבע ווערט פלוצלונג פערדארט אונטער דעם פייער פון דער אמת׳ר ליידענשאפט. און דאס אונגליקליכע ווייבעל, וואס האט

צום ערשטען מאהל דערפיהלט דיא וואהרע ליעבע הויבט אן שרעקליך צו ליידען; זי מוז אויסשטעהן דיא גרויזאמסטע יסורים אין דעם קאמפף צווישען פפליכט און ליידענשאפט, צווישען מיטלייד און ליעבע.

איך ווייס נור, אז צו די טויזענדערליי ניט־געווינשטע ליעבעס געהערט אויך דיא ליעבע, וועלכע מען בעטעלט אויס אויף די קניע וויא א נדבה. שוין בעסער א ליעבע אויס קאפריז, אויס ראבע, אויס תאוה איידער אן אויסגעבעטעלטע ליעבע אויס רחמנות, דיא פרויענצימער, וועלכע ליעבט אונז אויס רחמנות שטעלט אונז ארויף איהר פוס אויפן נאקען, און ווי זיס א דאמען־פיסעל זאל ניט זיין, און ווי שעהן איהר האנד זאל ניט זיין, בעגעהען מיט דאך א פערברעכען געגען דער נאטור און מאכען אן איבערקעהרעניש אין דער פיזיאלאגיע פון די געשלעכטער, ווען דער מאנסביל אונטערווארפט זיך דער הערשאפט פון דער פרוי.

דער מאן, וועלכער גיט אב דיא הערשאפט, איז א לויב מיט אן אבגעשארענע גריווע, א שמשון הגבור, פון וועלכען א דלילה האט אבגעשניטען די לאקען פון זיין גבורה, א מילדערע פארם פון א סריס. זאל אייך דער גוטער שיקזאל אויסהיטען פון א ליעבע אויס מיטלייד!

## ליעבע אויס אייטעלקייט.

נאך טרויעריגער איז עס אבער מיט דער ליעבע אויס אייטעלקייט. דעם מאנס עהרגייץ ווערט גערייצט דאס רוב פון א פרוי, וועלכע איז זעהר שעהן, זעהר בעשיידען און האט נאך קיין מאהל ניט געליעבט, ער זאל זיך קאנען, בעריהמען אז ער האט!אזא יונגע אונשולד בעזיעגט. און די פרויען זוכען אויך אפט א קאלטען פיש, וועלכע האט געלעבט צוריקגעהאלטען און איינזאם ביז ער האט זיי דערקאנט. אזעלכע באגעהרען פיהרען גיכער צו געווינען א קערפער אבער ניט א הארץ. דא ווערט מעדר בעפריעדיגט די אייטעלקייט אלס דיא אמת'ע ליעבע. ווארום דער

גאנצער וואונש איז דא צו קאָנען ריהמען זיך, אז זיא האט איהם ביי־ געקומען.

א קאקעטקע, וועלכע האט שוין אויפגעגעבען יעדע ערהאבענע ליעבע, זוכט אז איהר אייטעלקייט זאל טריאומפירען דורך דעם וואס זי וועט צו איהר זיעג־וואגען צוקייטען נאך א נייעם שקלאף, נאך א נייעם קרבן. אזעלכע פרויען קלייבען מיט א בעזונדער הנאה אזעלכע מענער, וועלכע זיי זאל זיין שווער צו בעקומען און וועלכע זאלען ניט זיין עהנליך צו זיי אליין. זיי האבען אויך א בעזונדער פערגעניגען, ווען זיי כאפען אריין אן אונשולדיגען בחור׳ל און גיבען איהם דיא ערשטע לעקציאן פון תאוה־געגוס און דאס טהוט זיי מעהר הנאה איידער צוצובינדען צו זיך אן אלטען בעל־עבירה. דא איז שוין ניט די אייטעלקייט אליין, זאנדערן דאס קיצעלט אויך זייער נייגעריגקייט, וואס איז א טהייל פון דער פרויענצימערס פסיכאלאגיע.

ווען דער גומען איז שוין אבגעטעמפט האט מען הנאה דוקא פון עפעס א שארפע פרוכט, ווי עס רייצט דעם גומען אלטער קעז, און א לופטיגע פרוי פיהלט אן אמת׳ע ליידענשאפט, ווען זיא קאָן בעקומען אן אבוועקסלונג צווישען איינפאבער און פיקאנטער הנאה, צווישען דער ליעבע פון אן אונשולדיגען בחור׳ל און אן אויסגעווייקטען בעל־עבירה־ניק. דער פערלאנג פון אזעלכע נאטורען געהט אזוי ווייט, אז זיי פערליעבען זיך אפילו זייענדיג גערייצט פון נייגעריגקייט, און די ליידענשאפט גופא שפיעלט דא א קלענערע ראָלע. עס קאָן אבער אויך זיין דער פאל, אז די ליידענשאפט אליין זאל שפיעלען א ראלע ביי אזעלכע קראנקהאפטע נאטורען מיט א קאפריזנעם געשמאק.

עס קאן פון דעסטוועגען פאסירען, אז אפילו דיא צונויפ־פיהרונג פון א מאן מיט א פרוי דורך דער אייטעלקייט, זאל ארויסברייננען אן ערנסטע ליעבע, א געזונדע און א טרייע. אבער אזא ליעבע קאָן מען פערגלייכען מיט אן אויפגעקומענעם דארפס־מאן וועלכער קאָן אין מיטען פון זיין גאנצע עשירות ארויספאהרען מיט עפעס א גראבקייט, פון וואס

ען קאָן דערקענען, אז א קליינשטעטעלדיגער פראסטאק בלייבט א גראבער יונג זאָגאר מיט געלד אויך. מיט געפיהלען איז אזוי וויא מיט מענשען אין אלגעמיין. אז מען שטאמט אב פון יחוס איז מען דאָך עפּעס איידעלער, און א געפיהל, וועלכע שטאמט אב פון איידעלערע הארצענס-בעוועגונגען, איז דאך ניט צו פערגלייכען מיט דעמזעלבען געפיהל, ווען ער שטאמט אב פון א געמיינערען קוואל.

און גראד איז דאס דער מאן, וועלכע וויזט ארויס די לעבערליכע פארמען פון דעם געפיהל פון אייטעלקייט. א מאנספערזאָן איז פעהיג מיט א מין איינגעלשע גאוה צו באריהמען זיך מיט זיינע ליעבשאפטען. ער קאן אפילו אזוי אונפערשעהמט זיין צו ריהמען זיך הינטער דעם רוקען פון דער פרוי, וועלכע האט איהם בעגליקט מיט איהר ליעבע, אז ער האט זי געליעבט בלויז דערפאר, כדי צו איבערצייגען אז ער קאָן נאך געווינען א פרויענצימער, אדער אז ער קאן אפילו אזא פרויענצימער ווי זי איז, מאכען פערליעבען אין זיך.

די פרוי איז שוין ניט אזוי. זיא קאן אויך זיין גערייצט צו ליעבען אויס אייטעלקייט; אבער זיא וועט זוכען אימער צו מאכען אויף איהם דעם איינדרוק, אז זיא האט איהם וויינינגסטענס איין מאהל ווירקליך געליעבט, אז ער גופא איז איהר געווען טהייער, וויינינגסטענס פאר א געוויסע צייט. זי וועט איהם קיין מאהל ניט ערנידעריגען אזוי ווייט, אז ער זאל פיהלען אז ער איז בלויז געווען א קרבן פון איהר קאפריז.

דא זעהט מען ווידער דעם בעוויז, אז אין געפיהלען איז דיא פרוי שטארקער פון דעם מאן. איהרע געפיהלען זיינען קרעפטיגער און רייכער אלס דעם מאנס, פונקט אזוי ווי דעם מאנס גייסט איז שטארקער און רייכער אלס דער פרויס. די פרויענצימער האט דיא פעהינקייט צו פאר־איידעלען אפילו די גראבע, דיא וואולגארע ליעבע, בעת דער מאן האט די טבע צו וואולגאריזירען אפילו דיא ערהאבענסטע ליעבע, וואס הויבט אונז אויף וויא אויף אדלער־פליגלען און צו מאכען פון איהר בלויז א בעפרידיגונג פון זיין ליידענשאפט.

# דיא ליעבע אוים ליידענשאפט.

ווען מען זאל בעטראכטען דיא ליעבע אליין, אנאקעטע, ניט בעקליידט מיט די זיידענע קליידער פון פאנטאזיע און פון געמיטה, ניט בעפוצט מיט דעם זינען פון שעהנהייט, דאן איז זיא דאך ניט מעהר ווי א סקעלעט פון תאוה. און ליידער איז פאר פיעלע די ליעבע טאקע ניט מעהר ווי דאס. דאס ווייב איז פאר זיי ניט מעהר ווי א כלי, פון וועלכער זיי טרינקען כדי צו לעשען זייער דורשט. און אויב זיי בעפארצוגען איינע מעהר פון אלע אנדערע, איז עס בלויז דערפאר, ווייל זיא איז פאר זיי א בעקוועמערע כלי, א שעהנערע, פון וועלכער זיי קאנען תמיד טרינקען.

עס זיינען פאראן אפילו אזעלכע ליעבשאפטען, וועלכע שטאמען פון א מין פראסטיטוציאן אדער פון בענוצען זיך מיט א מאמענט פון שוואכקייט — בעזיצען איהר קערפער נאך בעפאר דעם ערשטען קוס אוים וואהרער ליעבע! וויא נידעריג אזא ליעבשאפט איז! און דאך איז די ליעבע אזא צויבעריין, אז אפילו דעריין ווייזט זי וואונדער און זי קאן ענטשטעהן און זיך ענטוויקלען אפילו פון אזא פשוטער, נאקעטער תאוה אך, אבער זאל מען בעהיט ווערן פון אזא ליעבע, וועלכע שטאמט בלויז פון ליידענשאפט

אזא ליעבע, וועלכע שטאמט בלויז פון תאוה איז דיא שווערסטע לאנג אנצוהאלטען. וויא איז דארט ערגעץ געשריעבען „אהבה התלויה בדבר, בטל דבר בטלה אהבה.“ ליעבע, וועלכע הענגט אב בלויז פון איין זאך, פערשווינדט אזוי גיך ווי די זאך איז ערוואָרבען געווארען. און וועלכע קאקעטישע קונצען א פרויענצימער זאל ניט געברויכען צו רייצען דעם מאנס ליידענשאפט און דורך דעם צו האלטען איהם צוגעבונדען צו זיך, קאן זיא דאך קיין מאהל ניט זיכער זיין מיט איהם. אזא ליעבע קאן זיין ווארעם, זי קאן זאגאר זיין ברענענד און פול מיט באגעהר, אבער

זי איז אלע מאהל ווי א גלעזערנע כלי. אין ווען עס קאָנען זיך אב-שפיגלען אלערליי קאָלירען, נור אין איין אויגענבליק זאל זיא צופּלאַצט ווערן און צושמעטערט ווערן אויף פּיצלעך.

## דיא ליעבע אוים ראַבע.

אמאָל פּאַסירט, אז דיא ליעבע זאל ארויסשפּרינגען פון א געפיהל פון נקמה, און זעהר טרויעריג, זעהר אונגליקליך איז אזא ליעבע. ראבע איז אייגענטליך א מין האס, שנאה. און דיזער געפיהל קאָן אמאָל זיין די מוטער אדער בעסער די שטיפמוטער פון א פערברערערישער ליעבע. דאס איז דער פאל, ווען א פּערזאָן זעהט זיך פערראַמהען און זוכט דעם שולדיגען צו בעשטראפען אָדער צו נעהמען פון איהם נקמה דורך איינ־ליעבען זיך אין אן אנדערען. די נייע פּערזאָן, אין וועלכער אזא פערליעבט זיך, אָדער צייגט איהם איהר ליעבע, ווערט דא געברויכט אלס א מיטעל מיט אן אנדערען זיך אָבצורעכענען ; ער ווערט א ווערקצייג פון גאנץ נידריגע ליידענשאפטען און ווייס אפשר נים, אז ער איז דא אריינגעפאלען אין א נעץ. ער לאָזט זיך ליעבען און ליעבט אליין, בעת אז די סבה פון זיין גאנצער ליעבע איז נים מעהר ווי כדי עס זאל זיין אן אנדערען אויף צופוקעניש.

## דיא צו־להכעים ליעבע.

יא, דיזע ליעבע, וועלכער קומט דערפון, וואס מען וויל אבטאהן אן אנדערען צולהכעים מאכט אונז אמאל פאר קרבנות, וואס האבען קיין אייגענעם ווילען נים. מיר רעכענען זיך גליקליך, וואס מען ווייזט אונז אזוי פיעל ליעבשאפט, אבער אין אמת׳ן קאן זיין אז מיר ווערן נור אויסגעשטעלט עמיצען אויף צופוקעניש, יענעם צו קריינקען און אז דער

ווירקליכער געליעבטער איז גאר יענער און ניט מיר, די אויסגעשטעלטע.

עס קאן זאגאר פאסירען, אז מיר דינען בלויז אום יענער אדער יענע, וועלכע ליעבט אונז כלומרשט, זאל קאנען רייצען זיך און אויף אזא׳ן אופן צוציהען צו זיך שטארקער דיא ליעבע פון׳ם אנדערן. מיר זיינען דאן בלויז וויא א פלאסטער, וועלכען מען לייגט צו צו א געשוויר ער זאל שנעלער אנרייסען, און אזוי גיך ווי עס רייסט אן, ווארפט מען דעם פלאסטער אוועק.

דאס זיינען אבער שוין גאנץ אונגליקליכע פעלע, וועלכע געהערען צו דער העסליכסטער זייט פון דער ליידענס־געשיכטע פון׳ם מענשענס הארצען, אין אנדערע פעלע אבער פיהרט אמאל די ליעבע אויס ראכע צו אן עכטע ליעבע, וועלכע היילט דיא אלטע וואונדען און קאן גליקליך מאכען ביידען, אי די פערזאן, וואס האט זיך פערליעבט, אי די פערזאן, אין וועלכער מען האט זיך פערליעבט מיט דעם צוועק כדי צו נעהמען ראכע פון אן אנדערען. און דיא פערזאן, וועלכע האט עס געטאהן אנ־פאנגס בלויז צולהכעיס, ווערט אין אמת׳ן פערליעבט, און עס ענטשטעהט אויף דיא חורבות פון דער אלטער ליעבע א נייע און געזונדע ליעבע.

עס איז אונמעגליך, נאטירליך, אויסצושעפען אלע ריינע און אונ־ריינע קוועלען פון דער ליעבע. אלעס וואס איז פאר אונז דא נויטיג געווען איז בלויז צו בעריהרען די וויכטיגסטע קוועלען און צו כאראקטעריזירען ווי אזוי עס ענטשטעהט דאס געפיהל פון ליעבע.

אפט פליסט ארויס די ליעבע ניט פון איין איינציגען קוואל נור פון א דאפעלטען קוואל אדער פון עטליכע קוועלען צוזאמען, אזוי אז עס איז שווער דאן צו בעשטימען, אויב דאס געפיהל איז א געזונדעס, נאטירליכעס אדער איז קינסטליך ארויסגעקומען. צום ביישפיעל, עס קאן פאסירען, אז פון א קליינער אבער אויפריכטיגער סימפאטיע זאל ארויסקומען א זעלבסטזיכטיגער ליעבעס־געפיהל. פריהער איז דאס געווען בלויז סימפאטיע, דערנאך איז דאס שוין געווארען א מין נצחון צו גע־ווינען די ליעבע פון דער בעשטימטער פערזאן.

אזוי קאנען זיך פערבינדען תאוה, מיטלייד, דאנקבארקייט און דיעזע אלע געפיהלען צוזאמען זאָלען ארויסברייגנען א ליעבע, וואָס זאָל ווערן שטארק און ריין, הגם זיא קומט ארויס פון דיזע זייטיגע קוועלען.

## ליעבע פון עטליכע דורות.

עס קאָן אמאָל פאסירען, אז מען זאָל ליעבען א פערזאָן, נים פאר די מעלות פון דער פערזאָן גופא, נור דערפאר ווייל דיזע פערזאָן איז עהנליך צו אן אנדערער, וועלכע מען האָט אמאָל געליעבט; זאָגאר איבער עהנליכקייט צו א פערזאָן, וועלכע איז שוין לאנג געשטאָרבען. אזוי קאָן עס טרעפען, אז מען זאָל זיך פערליעבען אין דער טאָכטער, וועמעס מוטער מען האָט אמאָל געליעבט. עס טרעפען אפילו אזעלכע פעלע, וואו די ליעבע פארציהט זיך אויף עטליכע דורות. מען איז געווען פערליעבט אין דער מוטער, דערנאָך אין איהר טאכטער און דערנאָך אין דער טאָכטערס טאָכטער, דאס הייסט אין דער ערשטער ליעבעס אייניקעל.

דא טרעט שוין אָבער אריין דער עלעמענט פון א קראנק־האפטער ליעבע. דער אונטערשייד אין דעם עלטער פון דעם פּאָאר פאלק איז שוין אזוי גרויס, אז אזא ליעבע בעלאנגט שוין נים צו פיזיאלאגיע, זאנדערן צו פאטהאלאגיע.

ווי עס איז שוין פריהער אנגעוויזען געווארען, קאָן בלויז די טיעפע נייגונג ווייזען אויב א געוויסע ליעבע בעלאנגט צו א העכערען אדער צו א נידריגערען זאָרט.

פונקט ווי עס טרעפט, אז א גרויסער בעל־מיוחס זאל ווערען א געפאלענער מענש, זינקען טיעפער און טיעפער, פערלירען זיין פארמעגען זיין עהרע און אפילו דיא אויסערליכע צייכענס פון א גוטער ערציהונג און א גוטער אבשטאמונג. פון דעסטוועגען ווען מען זאל זיך גוט צוקוקען

צו אזא מענשען, וועט מען דאך געפינען אין דיא בעוועגונגען פון זיין קערפער, אין זיין שפראך, אין זיין געשמאק עפעס א סימן, אז דער מענש האט אמאל בעלאנגט צו אן איידעלרען סארט מענשען.

דאס זעלביגע איז אויך מיט דער ליעבע, וועלכע שטאמט אור־שפרינגליך פון א ריינערען....., פון א בעסערען קוואל. איך האב געזעהען ליידענשאפטען, וועלכע האבען זיך געוואלגערט אין דער שמוץ פון פראסטיטוציאן, — אזוי געזונקען, אזוי שמוציג, ווי א שטיקעל סאמעט אויסגעווייקט אין בלאטע; איך האב געזעהען ליעבע, וועלכע איז געווען צום קויפען און פערקויפען און איז געזונקען פון שאנרע צו עקעל־האפטע צוקאזענקייט — אבער אפילו אין יענעם נידריגען זומפ האב איך נאך אלץ געפונען א ווינקעלע, וואס איז געבליבען אונבעריהרט און אין דיזען ווינקעלע האט מען געקאנט זעהען די סמנים פון אונשולד.

מיט מיינע אויגען האב איך געזעהען אזעלכע וואונדערליכע נייי־געבארענע ליעבעס־געפיהלען, וועלכע האבען מיך איבערראשט, און אזעלכע מאראלישע ווידער־געבורטען וועלכע האבען מיך געצוואונגען צו גלויבען אין השגחה פרטיות אדער אין דער מאראלישער ווירקונג אויף קרימינעלע פערברעכער, וועלכע אונזערע מאדערנע בעלי־צדקות שיל־דערן בלויז מיט צו העלע פארבען.

ווען די ליעבע הויבט זיך אן ביי אונז אין הארצען, מעג מען נאך צווייפלען אין דער עכטקייט פון אזא ליידענשאפט. דאס הארץ אטמעט שלאנט טאקע שטארקער אלס געוועהנליך; אויף דעם ביזאיצטיגען קלאהרען הימעל ערשיינט און פערשווינדט א וואלעקנדעל; וויט אויף דעם פערוואלקענטען האריזאנט בליצט זאגאר — אבער בעדייט דאס פאר אונז גוטען וועטער אדער שטורעם? ווען מען זאל א פרעג טאהן דאס הארץ, קאן דער ענטפער זיין אזוי גענארט און מאכען אזא טעות, ווי ווען מען זאל וועלען וויסען פון דעם וועטער־נביא'ס לוח, וואס פאר א וועטער עס וועט זיין.

מיט דעם שארפסטען מיקראסקאפ קאן מען נאך עד היום ניט

אונטערשיידען צווישען דעם איי פון א האז ביז דעם איי פון א לויב. די ערשטע נייגונגען זיינען אזוי גלייך אלע, ווי דער אָנפאנג פון אלע זאכען. ערשט דאן ווען די ליעבע ווערט צייטיג, רייף, קאן מען ווענען איהר אור־טהיילען, און אפילו אין דער צייטיג געווארענער ליעבע זיינען אויך דא אזוי פיעל עהנליכקייטען צווישען איין ליעבע און דער אנדערער, אז עס איז שווער צו שטעלען א דיאגנאזע מען קאן זיך זעהר לייכט נארען.

## דיא סמנים פון ליעבע,

עס איז אלע מאהל גרינגער די אייגענע ליעבע צו דערקענען אלס דעם אנדערנס ליעבע, אבוואהל פון אונזער גליקס ווענען איז פאר אונז אלע מאהל וויכטינער צו וויסען, אויב מיר זיינען געליעבט, אלס צו ווי־סען, אויב מיר ליעבען.

אום צו קאנען אונטערשיידען אין א צווייטען דיא וואהרע ליעבע פון דער פאלשער וועט וויפיעל ניט איז אויסהעלפען דיזע אונזערע פיזיאלאגישע אונטערזוכונג . און וואס עס אנבעלאנגט אונזער אייגען הארץ איז גענוג, ווען מען איז אביסעל אויפמערקזאם אויף דיא גע־היימסטע ערשיינונגען אין'ם לעבען פון אונזערע געפיהלען אום צו קאנען אייניגערמאסען אורטהיילען, וואס מיט אונז אליין טהוט זיך.

מען ליעבט דאן באמת, ווען אויף דעם פערצווייפעלטען רוף: „א מאן! — א פרוי!" ענטפערט אין אונז א פריינדליכע שטימע: „זיי ניט פערצווייפעלט, ווארום איך בין דא!"

מען ליעבט, ווען דיזע שטימע פערשטילט דעם שמערץ געשריי פון הארצען און דיא טיעפע ליידינקייט אוים בייגקשאפט ווערט אויס־געפיעלט.

מען ליעבט, ווען דער באגעהר נאך דער געליעבטער פערזאָן בע־הערשט אלע אנדערע פערלאנגען.

מען ליעבט, ווען מען ווערט פלוצלונג רויט אדער בלייך דער־הערענדיג בלויז דעם נאמען פון דער געליעבטער פערזאָן אדער דעם רויש פון די קליידער, וואס זאָגט אַז אַז דיזע פערזאָן קומט צו נעהנטער.

מען ליעבט, ווען מען כאַפּט זיך גאָר ניט ווערענדיג, אַז הונדערט מאָהל א טאָג קומט ארויף אויף די ליפּען איין איינציגער נאָמען, אדער ווען מיר געברויכען פלוצלונג ניט מעהר א געוויסען ווארט, וועלכען מיר האבען געוועהנליך הונדערטע מאהל געברויכט.

מען ליעבט, ווען אונזערע אויגען ווענדען זיך אימער אין יענע ריכטונג, וועלכע בעצייכענט פאר אונז דעם הימלישען געגענד, וואו עס וואהנט די געליעבטע פערזאָן, וועלכע איז געוואָרען דיא אנדער העלפט פון אונזער עקזיסטענץ.

מען ליעבט, ווען מען געהט צו יעדען אויגענבליק צום שפּיגעל, און וויא מען וואָלט זיך אליין פרעגען: „בין איך גענוג שעהן פאר איהם?" אדער ווען מען קוקט אריין אין זיך אליין מיט אן אונרוהיגען בליק, ווי מען וואָלט זיך געבען א פרעג: „קאן זיא מיך ליעבען?"

מען ליעבט, ווען יעדער סטרונע פון הארצען, יעדער אטאָם פון אָרגאַניזם, יעדער פיבער פון דער נשמה ווערט אנגעלאָפען מיט ליעבעס־קראפט, ווען יעדער נערוו און יעדער אדער ווערט אנגעזאפּט מיט א מין פרישען כח און דאס בלוט פולסירט שטארקער, אזוי אז מען פיהלט עפּעס אן אינערליכען טומעל אין אונזער גאַנצען גוף און נשמה, ווי אין אונז וואָלט ערוועקען זיך עפּעס נייעס, גרויסעס, וויא א מין גאטהייט וואָלט אין אונז אריינגעדרונגען.

די אמת'ע ליעבע, וועלכע זעטיגט זיך ניט מיט דער תאוה בלויז, וועלכע איז ניט בלויז א בערוהיגונג פאר אונזער עהרגייץ, וועלכע ווערט ניט קעלטער, ווען אפילו מען איז פון ווייטען, וועלכע פערבלאָנזשעט ניט אפילו אין חלום ביינאכט — אזא ליעבע קאן ניט ארויסגעריסען ווערן פון הארצען, סיידען מען זאָל דערביי אויסרייסען דאס סאמע הארץ און נערווען פון אונזער לייב.

# דיא ערשטע וואפען פון דער ליעבע.

ווי וואונדערליך די נאטור האט געשאפען און צוגעגרייט אלעס אז עס זאל זיך קאָנען פערווירקליכען דאס גרויסע ווערק פון שאפען נייעס לעבען! דעם מאנספערזאָן האט די נאטור צוגעטהיילט די מיסיאן פון אנגרייפען, דער פרויענצימער די שווערע אויפגאבע פון פערטהיידיגען זיך.

דעם מאנס אויפגאבע איז א לייכטערע, זי פערלאנגט פון איהם בלויז כח — פיזישע, מאָראַלישע, גייסטיגע קראפט, א מישונג פון דיזע אלע קרעפטען, אָבער אלץ קראפט, די קראפט אנצוגרייפען און איינ־צונעהמען, אזוי ווי אין א מלחמה, מוז ער מיט דער קראפט פון זיין גבורה, מיט פיזישע גבורה אדער מיט מאראַלישע, גייסטיגע גבורה, שטורמען, איינגעהמען באריקאדע נאך באריקאדע, פארטען נאָך פאר־טען, קורץ די גאנצע פעסטונג, וועלכע דאס ווייבס־פארשוין געברויכט אום זיך צו פארטיידיגען — אדער בעסער געזאָגט, צו פערטיידיגען זיך כדי לאנגזאם, צניעות'דיגע און שעהמעוודיג זיך צו לאזען בעזיעגען.

דער פרוי האט דיא נאטור צוגעטהיילט א סך א שווערערע, א מורא'דיגערע אויפגאבע. זי זאל זיך וועהרען געגען דעם, וואס זיא אליין באגעהרט, זי זאל קעמפפען געגען דעם, וואס זי אליין ווינשט, זיא זאל זיך בעשיצען געגען איהר אייגענע ליידענשאפט, וועלכע פלאמט אין איהר; זי זאל צוריקווייזען דעם, וועלכען זיא גופא ליעבט; זיא זאל זיך האמפערען און פאָדערען פון איהם צוריקהאלטונג, בשעת זיא אליין ווינשט און באגעהרט ער זאל זאל זיא קושען און האלזען; זי זאל קאר־נען, בעת אלעס אין איהר פאָדערט צו זיין פריי־גיביג, פערשווענדעריש גרויסמ טהיג; זיא זאל אלע איהרע שוואכע כוחות צונויפנעהמען און אר־ווענדען זיי אום צו קאנען צוריקשטויסען זיין שטורעמדיגע בעלאגערונג;

זיא מוז איהם ניט צולאָזען נאהענט, בעת זיא אליין וואלט וועלען מיט איהר גאנצען פייער צוציהען איהם צו זיך און צודריקען צו איהר הארץ.

ניט אומעטום און ניט אין אלע צייטען איז דיא טאקטיק פון דער פרוי דיזעלביגע. דיזער קאמפף פון דער פרויענצימער צווישען באנעהר און קאקעטעריי, צווישען ליעבעס־פייער און שעהמעוודיגקייט, צווישען ליידענשאפט און צניעות, צווישען אונגעדולד און צוריקגעהאלטענקייט ווערען אין פערשיעדענע צייטען און אין פערשיעדענע לענדער געפיהרט אויף פערשיעדענע אופנים. אבער זיי אלע טראגען דעמזעלבען כאראק־טער און זיינען פון דערזעלבער נאטור.

עפּעס אקוראט ווי אפילו דארט, וואוביידע ליעבענדע פּערזאנען פיהלען די געגענזייטיגע נייגונג פון דער אמת׳ר, עכטער ליעבע, קומט אלץ אויס, ווי ער וואלט זאָגען: „איך וויל" און זיא וואָלט ענטפערען: „ווארט". ווי ער וואלט זאגען: „שוין גלייך" און ווי זיא וואלט זיך בעטען: „ניין, שפּעטער". און דארט וואו די געשלעכטער בייטען זיך מיט זייערע אויפגאבען און עס ווערען פארקעהרט געשפּיעלט דיא ראָלען — זי אלס צושטעהענדע און ער אלס צוריקגעהאלטענער, דארט קומט אלע מאהל ארויס א גוואלטיגע אונארדנונג, און דיא צניעות און דער שעהנהייטס־געפיהל ווערען דאָרט צערשמעטערט און פערניכטעט צו דערזעלביגער צייט.

אין פּאראַגוואַי, וואו דער פארקעהר צווישען מענער און פרויען איז זעהר א פרייער, אויך דארט ווידערהאלט דער אונגעדולדיגער בחור׳ל וועל־כער וויים אז זי ליעבט איהם, ווידערהאלט אויף אלערליי אופנים, אמאָל ליידענשאפטליך, אמאל צערטליך, אמאָל אויפגערעגט און אמאָל מיט געבעט דעמזעלביגען ווארט: „הייגט"! — און דיא שעהנע קרעאָלקע, וועלכע וויים ניט פון דארווינס טהעאָריע וועגען צוכטוואהל, ענטפערט איהם מיט א שמייכעל: „אבער ניט היינט! ערשט צעהן טעג בלויז ווי דו קענסט מיך. אפשר אין א פּאאר חדשים ארום..." און אין דיזען איינפאַכען ענטפער פון דער פאראגוואיער יונגער שעהנהייט איז צו

דערקענען שוין דיא פילאָזאָפיע פון דיא פערשיעדענע ראָלען פון דיא געשלעכטער.

אונז, מענער, קומט אויס געוועהנליך צו הערען כמעט יעדען טאג פון דעם שעהנערען געשלעכט דעם שטרייגגען פארוואורף, אז אונזער געשמאק, דער געשמאק פון די מענער, איז א קנאפערער אלס זייערע, אלס דער געשמאק פון דער פרויענצימער ; זיי ווארפען אונז פאר, אז מיר בענוגענען זיך בלויז מיט דעם אויסזעהען, מיט די אויסערליכע פאר־מען און קימערן זיך כמעט גאר ניט וועגען דעם אינהאלט, מיט דיא אינערליכע מעלות אדער חסרונות פון דער פרוי. אבער דאס איז גאנץ נאטירליך ; דיא פערשיעדענע אויפגאבען וואס יעדער געשלעכט האט צו ערפיעלען אין דער סטראטעגיקע פון דער ליעבע, פאָדערט אז אזוי זאָל עס זיין.

ווען מיר זעהען זאַנפטע צארטע כאראַקטער שטריכען אין איהר, וועלכע מאכען אויף אונז א גרויסען און פלוצלונגען איינדרוק, איז דאס דערפאר, ווייל נאטירליכערהייט, ניט וויסענדיג און ניט וועלענדיג, זוכען מיר אין דער פרוי די גוטע מוטער און די גוטע ערנעהרערין פון איהרע קינדער. די ליידענשאפט האט מעהר איינפלוס אויף דעם קינפטיגען גליק אדער אונגליק פון די ארויסקומענדע דורות א סך מעהר איידער מען גלויבט.

אום א ווייבספארשון צו בעפרוכטען, וועלכע וועט זיין א גוטע מוטער א גוטע ערנעהרערין איז גענוג בלויז א בליץ־שנעלער באגעהר און דער פלוצלונגער פייער פון ליעבשאפט. פאר דעם מאן איז דאס גענוג. אבער די פרוי ווייל אין דעם מאן געפינען ניט נור דעם בעפרוכטער ; פון דער נאטור אויס זוכט זי אין דעם מאן אויך דעם בע־שיצער פון די קינדער, דעם פערטיידיגער פון איהר אייגענער אונבעהילפ־ליכקייט ; זי וויל זיך צוערשט פערזיכערען ווי טיעף עס גרייכט די מאכט פון זיין ליידענשאפט, ווען ער רעדט צו איהר פון ליעבע ; זי וויל אריינ־דרינגען אין דעם תהום פון זיין הארץ און פון זיין גייסט.

דער מאן איז דער, וואס דארף בויען דאס הייהם — איז ער א גוטער בוי־מייסטער? ער דארף זי בעשיצען פון ווילדע חיות — איז ער מוטהיג? ער דארף די מיטלען שאפען פאר די קינדער—האט ער גייסט אמביציאן און אויסדויער? דאס אלעס וויל דיא פרוי וויסען פאראויס. זי ווייס שוין, אז זי איז יונג און שעהן, אז זי קאן ערוועקען טויזענד פער־לאנגען און ווינשונגען, אז זיא דארף נור א ווינק טאהן וועלען טויזענד יונגע פערליעבטע זיין לעבען איהרע פיס; אבער זיא זוכט ניט בלויז א מאן, זיא זוכט ד ע ם בעשטימטען מאן, פון וועלכען זי זאל זיין איבער־צייגט, אז ער וועט לאנג און מעכטיג זיין צוגעבונדען צו איהר, וועט זיין איהרער.

אזוי קאנען מיר שוין לעהרנען פון דיא ערשטע שטופען פון דער ליעבע יענע אייזערנע געזעצע פון וועלכע זי ווערט רעגיערט: אויף איין זייט די אונפערמיידליכע לופטיגע לייכטקייט פון די מאנסביל מיט זייער באנעהר פאר פיעל־ווייבעריי; און אויף דער אנדער זייט די שעהמעוודיג־קייט, די צניעות און די העלדישע זעלבסט-בעהערשונג פון דער פרויענ־צימער, וואס דאס איז דער טרייער שומר פון דעם שיקזאל פון דער קינפטיגער פאמיליע.

א גרויסער טהייל פון דיזער איינפאכער סטראטעגיקע, וועלכע איז נאטירליך אין די צוויי ליעבענדע פערזאָנען, פון דער זייט פון דעם מאנספארשוין און פון דער זייט פון דער פרויענצימער, איז פערלאָרען געגאנגען דורך דער מאָדערנער קולטור־ענטוויקלונג. זייערע ראָלען זיינען שוין פארדעקט און פערפוצט, אז עס זעהט שוין ניט אויס אזוי, ווי דאס איז אורשפרינגליך אין דער נאטור פון דיא געשלעכטער. אבער אפילו איצט, ווען מען קוקט זיך נור גוט צו, קאָן מען אונטער דער פער־פוצונג און פערפארבונג דערקענען די אורשפרינגליכע ליידענשאפט, וויא זי דריקט זיך אויס פערשיעדען אין דער ראָלע פון דעם מאן און אין דער ראָלע פון דער פרוי, ניט קוקענדיג אויף דער גאנצער פארשטעלטקייט, מיט וועלכע דאס איז שוין פערשלייערט געווארען.

# דיא טאקטיק אין ליבעס־קאמפף

אפילו אין די גליקליכסטע פעלע פון דער ליעבע, וועלכע זיינען ועהר זעלטען, וואו צוויי ליעבענדע זיינעןביידע גלייך, אין דער זעלבער צייט, פערכאפט געווארען פון א שטארקער, ווארעמער סימפאטהיע איינער צום אנדערן — אפילו אין אזעלכע פעלע מוזען דער מאנסביל און די פרויענצימער א לייננערע אדער א קירצערע צייט האבען א גאנצע געשיכטע פון „ראמאנסירען", ביז זייער ליעבע ווערט פערווירקליכט; זיי מוזען ארויסווייזען פריהער זייערע פיזישע, מאראלישע און גייסטיגע מעלות אויף אלערליי אופנים, ביז צווישען זיי קומט צו עפעס.

ווען אפילו זיי האבען שוין געוואונען איינער דער צווייטען מיט דעם ערשטען בליק, פון דעסטוועגען קומט זיי נאך אויס טעגליך און שטונד־ליך נאך אמאל צו עראבערן איינע די אנדערע מיט אלע קונציגע מיטלען פון הארצען, פון גייסט און פון באנעהר. פאר דעם גרויסען גאט פון ליעבע מוז געבראכט ווערען אלס מתנה יעדע שעהנהייט, יעדע פעהיגקייט, יעדע טוגענד, יעדע מעלה וואס איז פאראן אין מענשען.

אונזער האנד ווערט קיין מאהל ניט מיעד צו בעפוצען דעם אלטאר פון אונזער אידעאל מיט אלע פרוכטען און בלומען, וואס מיר געפינען אין פעלד און אין וואלד, מיט אלעס וואס איז שעהן אין דער נאטור און וואס גיט ארויס געשמאקע ריחות.

עס איז אין דער נאטור פון דער פרויענצימער, ווען אפילו זי איז שוין זיכער מיט דער לייב פון דעם מאן, אז זי זאל יעדען טאג עפעס א נייע מתנה ברייננען פאר זייער ליעבע, ווי זי וואלט יעדען טאג ברייננען א נייעם עהרענקראנץ א נייעם בלומענ־בוקעט און ווי זיא וואלט זאגען יעדען טאג צו איהר געליעבטען: נא, אויך דאס געהערט דיר!"

און דער מאנסביל איז אויך אזוי, ווען ער צווייפעלט שוין אפילו ניט מעהר, אז די געליעבטע פארגעטערט איהם, דאך וויזט ער זיין ליעבע יעדען מאהל דורך עפּעס א נייע מין מתנה, א נייעם בעווייז פון זייגע גע־פיהלען, ווי ער וואלט ניט אויפהערען צו זאָגען פון זיין זייט: „און דאס איז אויך דיינס!"

דיזע געגענזייטיגער פערפיהרונג ווערט נאָך נייטיגער דארט, וואו די צוויי ליעבענדע זיינען נאָך פערשיעדענער איינער פון אנדערען. דוקא די פערשיעדענהייטען אין דער שטארקייט פון דער נייגונג, וועלכע זיי פיהלען איינע צום אנדערען, סיי דאס זאָל זיין דיא פערשיעדענהייט אין זייער עלטער, סיי אין דער שעהנקייט אדער אין דער שטעלונג פון יעדען פון די צוויי ליעבענדע, פאָדערט נאָך מעהר, אז זיי זאלען איינער דעם אנדערען ברייננגען אלץ נייע מתנות, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס זייער ליעבען איינער דעם צווייטען.

## דיא קוניץ־שטיק פון דער ליעבע.

וואס העכער עס שטייגט די ענערגיע פון איינעם אלץ מעהר מוז דאָס אויסגעגליכען ווערען מיט דער רייכקייט פון דעם אנדערען, ביז עס פערשווינדען די פערשידענהייטען אדער ווערן אונבעמערקבאר און עס קומט ארויס דאָס גלייכגעוויכט, אהן וועלכען פאלקאמענע ליעבע איז אונמעגליך.

הונדערטע בענדער וואלטען געווען ווייניג, ווען מען זאל וועלען בעשרייבען די אונענדליכע צאָהל פון קליינע קוניץ־שטיק, מיט וועלכע דער מאנסביל בעקומט די ליעבע פון דער פרויענצימער, אדער מיט וועל־כע דיא פרויענצימער ערוואָרעמט די אבגעקיהלטע נייגונג פון דעם מאן און טרייבט זיין ליידענשאפט צו דער העכסטער שטופע.

אין פיעל פעלע קומט אויס, אז דער מאן נעהענטערט זיך מיט

יעדען טאָג אליץ מיט א טריט מעהר צו דעם געווינשטען צוועק. אבער בעת ער ערלויבט זיך שוין מיט א זשעדנער האנד אבצורייסען די פרוכט ציהט זיך דער צווייג אוועק פון איהם, ווי די פרוכט וואלט זיך אויפהויבען העכער דורך אן אונגעזעהענער מאכט, וואס נעהנטער די האנד קומט צו. ווי דאס קליין מיידעלע האלט א שטיקעל צוקער אין הענדעל און זאָגט צום הינטעלע: „העכער, נאך העכער!“ און וואָס נעהנטער דאס הינטעלע גרייכט צום צוקער אליץ העכער גיט זיך א הויב דאס הענדעל פון'ם מיידעלע; אזוי רופען צו די פרויענצימער אויף דעם גאנצען ערד־קוגעל צו די מענער, וועלכע זיפצען און שמאכטען נאך זייער ליעבע.

וואס לייגנער, וואס הארטנעקיגער, וואס היציגער עס איז דער קאמפף צווישען דעם פערלאנגען און דעם בעקומען, אליץ הערליכער איז דער טריאומף פון דעם זיעג. זאָלען חוה'ס טעכטער זיך ניט בע־קלאָגען אויף דער צייט, וואס געהט פערלארען פאר דער גאנצער סדרה פון'ם ליעבעס־קאמף; ניט נור ברייננט דער לייגנסטער קאמפף דעם שעהנסטען זיעג, נאָר דיא ערשטע מאמענטען פון קאמפף גופא זיינען שוין א טהייל פון דער ליעבעס גן עדן; דיזע מאמענטען גופא פון קאמפף זיינען א פערגעניגען. די לייבטע געווינונג גיט קיין מאהל ניט אזוי פיעל הנאה, וויפיעל דער זיעג נאך א לאנגען שטארקער קאמפף.

## וואס לייגנער דעם קאמפף אליץ בעסער.

אויב איהר, פרויען, האָט די זעהר גלענצענדע, אָבוואָהל שווערע אויפגאבע, צו פערטיידינגען זיך געגען א גאנצע מחנה פון מענער, וואס זוכען אייער ליעבע, דאן פערדאפעלט די קונסט פון אייער סטראטעגיק און טאקטיק. זייט איהר ווירקליך שטארק, דאן וועט איהר זיעגען און וועט אויסוועהלען דעם בעסטען צווישען דיא גוטע, וועלבע זוכען אייער ליעבע צו בעקומען.

מיט אייער מיטלען אין קאמפף מאכט איהר גרעסער די אונגעדולד

פון איי ערע פארעהרער, אזוי או די שוואכע אין זייער ליעבע וועלען אב-פאלען. פריהער וועלען זיך צור קניהען די, וועמעס ליעבע איז זעהר א קנאפע אדער דיא, וועלכע האבען געזוכט בלויז צו בעפריעדיגען זייער תאוה; אבער דיא, וועלכע ליעבען שטארק און וועמעס ליידענשאפט איז טיעף, אזעלכע פערליערען ניט די געדולד און ווערען ניט מיעד; זייער ליעבע וואקסט אלץ שטארקער, וואס מעהר זיי שטויסען זיך אן אויף ווידערשטאנד.

און דאן ווען איהר ווערט שוין מיעד, ניט איהר דיא האנד יענעם, וועלכער האט אם לייגנסטען געווארט און אם לייגנסטען גע-קעמפפט און איהר זייט זיכער אז איהר האט גוט אויסגעוועהלט.

ליידער איז אונזער שפראך צו ארעם און מיר האבען ניט קיין גענוג ווערטער אויסצודריקען דיא פיזיאלאגיע פון דעם ליעבעס-קאמפף, די געוויינונג פון ליעבע אויף דעם וועג פון נאטור-געזעצע. די ענגלענדער געברויכען דעםווארט. „קארטשיפ" (אין דייטש וועט דאס זיין „ווערבונג"; אויף אידיש וועט זיין דער נעהנטסטער ווארט, וואס זאל אויסדריקען דעמזעלבען זינען, „שדכענען זיך") און דארווין האט געברויכט דיעזע ווארט אין א פיעל ברייטערען זינען אנווענדענדיג איהם אויף חיות.

קאקעטסטווע איז אויך א פארם פון דערזעלבער קונסט צו ער-ווערבען זיך איינעמס ליעבע. אבער דיזע פארם בעלאנגט שוין מעהר צו פאטהאלאגיע, ווארום קאקעטסטווע איז א קראנקהאפטער מיטעל צו ערוועקען ליעבע. דעם מיטעל געפינען מיר מעהרסטען ביי ווייבער, אבער מען קאן דיעזע איינענשאפט געפינען אמאל אויך ביי מענער, און ביי מאנכע איז קאקעטסווא איינגעווארצעלט שוין אין זייער נאטור. איינענליעבע האט א גרויסען חלק אין קאקעטסטווא, אזוי אז דיזע פארם בעלאנגט מעהר צום פעלד פון שטאלץ אלס צום פעלד פון ליעבע.

# קאקעטסטווא א קראנקהאפטער מיטעל.

דיא פיזיאלאגישע צוציהונג איז א בעדערפעניס פון דער נאטור; די קאקעטסטווא אבער איז א צולאזענקייט; די בעדערפעניס געפעלען צו זיין איז איינע פון די גרונד־עלעמענטען פון דער ליעבע, דאס איז איינער פון איהרע שטארקסטע מיטלען; די קאקעטסטווא איז אבער אזא מיטעל, וועלבער מאכט זיך אליין פאר א צוועק. ווען דער זיעג איז שוין ערר‍ייכט געווארען לייגט די פארפיהרונג אוועק איהרע וואפען, עס איז מעהר ניט נויטיג צו קעמפפען; די קאקעטסטווא אבער איז אונשטערבליך און זי ווידערהאלט יעדען טאג איהר פייער צו ערוועקען איהרע קראנק־האפטע תאוות.

די קאקעטסטווא קאן זיך אנדערש ניט בעפריעדיגען, וואו זי זאל יעדען טאג ניט ערוועקען נייע פערלאנגען אין דעם, וועלבען זי האט שוין בעזיעגט; פאר איהר איז גלייכגילטיג, צו זי ענטפערט אויף דער ליידענ־שאפט פון פיעל פערזאָנען אדער איין פערזאָן, ווען זי זאל נור פון פיעלע פערזאָנען געליעבט זיין.

אין דער נאטור פון קאקעטסטווא איז ניט צו בענוגענען זיך מיט איין וואהרער ליעבע; ארום דער וואהרער ליעבע מוז נאך זיין א קראנץ פון קליינע באגעהרען. אין דער צייט וואס דאס הארץ געהערט אין גאַנצען צו איינעם, וועט זי פון דעסטוועגען שיינקען א שמייבעל, א זיפץ אמאָל טאקע אפשר, נאָר ניט מיינענדיג, א קוש, און ארומנעהמען דעם צווייטען, וועלבען זי וויל דאך ניט פערליערען אלס איהר פארעהרער און וועלבען זיא האלט מיט גאנץ שטארקע פעדים פון האפענונג צוגעבונ־דען צו זיך. דאס איז שוין אין בעסטען פאל.

אין די ערגסטע פעלע האט דיא קאקעטסטווא גאָר קיין איינעם ניט, קיין איין אמת געליעבטען ניט; דאס הארץ בעלאנגט אין דער

ווירקליכקייט קיינעם ניט, און צוגעזאָגט איז עס אלעמען . און דיא גוואלטיגע אנשטריינגונג אלעמען געפעלען צו זיין שוואכט אזוי אב דיא געפיהלען, אז דאס צוטרויסעלט דעם סאמע מארך פון כאראקטער, אזוי אז קיין אויפריכטיגע און ווארעמע געפיהלען קאנען זיך שוין אין אזא הארץ ניט ערוועקען.

דיא אונערמידליכע קאקעטקעס און די מענער וואס זוכען אלץ געפעלען צו זיין, אזעלכע ליעבען קיין מאהל ניט. און אזוי ווי אין ליעבע איז די ערשטע זאך ניט צו האבען קיין מפלה, דערפאר קומט אויס אז קאקעטסטווא איז די ריינסטע זאך, ווייל אליין ווען מען דאף שוין קיין קרבן ניט זיין.

מיר ווערען אבער אלע טאג מאראליש אויפגעבראכט זעהענדיג אזוי פיעל פרויענצימער, וועלכע מאכען משא־מתן מיט זייערע שמייכעלאך און מיט זייער באגעהרונג. זיי שפיעלען מיט דער ניט שעהמעוודיגקייט, ניט פיהלענדיג אפילו דעם רייץ דערפון ; זיי שפיעלען זיך מיט דער ליעבע, פון וועלכער זיי ווערען גאר ניט צוטרויסעלט . און עס פאלען קרבנות, וועלכע כאפען זיך אריין אין זייער נעץ, ווייל זיי האבען געדיינקט אז עס איז אונמעגליך דאס זאָל אלעס זיין ליגען און פעררעטה.

דיא מעשים טובים פון דער קאקעטקע זיינען אזוי ווי אסבעסטאָס, וועלכען עס געהמט ניט קיין פייער דערפאר, ווייל ער האט אין זיך ניט קיין ברענ־שטאף ; דאס איז א ריין פיזישע, און אנאטאמישע טוגענד, און ווער עס שעצט דאס, וואס די קאקעטקע אליין בלייבט ניט געזינ־דיגט, פארשטעהט ניט, אז איהר פעהלט גאָר דער פייער פון ליידענ־שאפט. מען דארף ניט האבען קיין געפיהל פון מאראל, מען דארף גאר־נישט פארשטעהן אין דעם בוך פון דער פיזיאלאגיע פון מענשענס הארצען אום צו שעצען די טוגענד פון דער קאקעטקע.

יענע פון די לעזער, וועלכע האבען דעם אונגליק צו ליעבען א פרויענצימער א קאקעטקע, זאלען קיין מאהל ניט פארגעסען, אז קאקעט־סטווא בעלאָנגט צו די קראנקהאפטע תאוות פון געפיהל. אויב אזעלכע

דורשטען ליעבע, זאלען זיי דאס זוכען צו בעפרידיגען אנדערשוואו, ווייל זיי האבען פערבלאָנזשעט ניט אויפן ריכטיגען וועג. זוכט אין דער קאַ-קעטססטווא א שטיפעריי, א שפיעלכעל, א פייערווערק, א קונצען-מאכעריי א מאסקאראד, אבער זוכט דארט ניט דעם פייערינגען באגעהר פון ליעבע; זוכט דארט ניט דאס קלאפען פון א ליעבענדער ברוסט, ווארום אין קאקעטססטווא קאן מען עפּעס אזוינס ניט געפינען.

די אמת'ע ליעבע, וועלכע בעשטעהט ניט בלויז פון תאוה אליין, נור פערלאַנגט צו בעזיצען אונבעשרענקט די געליעבטע פערזאָן — אזא ליעבע פארשטעהט ניט דיא קונציגע שטיקלעך פון קאקעטעריי; דיא אמת'ע ליעבע האט ניט די געדולד און ניט די רוהיגקייט צו בעשעפטי-גען זיך מיט אזעלכע זאכען.

פונקט אזוי ווי א זשעניע צייכענט זיך אויס פון דעם געוועהנליכען מענשען דערמיט, וואס ער שטעהט העכער פון דיא קליינליכע זארגען פון'ם הויזליכען לעבען, אזוי קאן די אמת'ע פייעריגע ליעבע ניט פאר-נעהמען זיך מיט קאקעטישע קונצען, וועלכע דריקען זיך אימער אויס אין קלייניגקייטען.

דיא אמת'ע ליעבע איז ווי א פעלדמארשאל, וועלכער שטרעבט מיט זיין גאנצער פעהיגקייט צו געווינען א זיעג, אבער קימערט זיך ניט וועגען דער קאזארמע דיסציפלינע, וועגען די קנעפלעך פון דעם סאלדאטס מונדיר.

דיא אמת'ע ליעבע דונערט, בליצט, וויינט, סטראשעט און בעט רחמים; זי ווערט פערצווייפעלט — קעהרט זיך אבער ווידער צוריק; און ווען זי ווערט אפילו טויטליך דערשלאָגען, קאן זי אבער אויך טויט-ליך טרעפען צוריק; זי פלוכט און זי בענשט — זי קאן אלעס טאהן, נור איין זאך איז דא וואס זיא קאן ניט; זיא קאן ניט שפּילען טעהאטער.

די קאָקעטססטווא איז אבער פארקעהרט, זי איז די אויסגעצייכענטסטע שוישפּיעלערין.

אויב אין דער נאטירליכער ליעבע איז יא דא קונסט, איז דאס

סיידען די קונסט אלע אונזערע מעלות ארויסצובריינגען אויפן קלאהר־סטען אופן. אזוי ווי מיר ווילען געפעלען זיין, ווען מיר זיינען פערליעבט זוכען מיר זיך אליין אויסצובעסערן, מיר זעהען דאן ארויסצובריינגען אונ־זער נאטירליכע און קינסטליכע שעהנהייט.

## דיא געשטאלט פון דער ליעבע.

פון די ביידע ליעבענדע איז דער מאן דער שטארקערער און זיין גרעסערע קראפט איז די הויפט וואפען, מיט וועלכע ער דערשלאגט זיך איהר ליעבע; אבער ער טרויסעלט נים זיין לויבען־גריווע און סטאר־שעט ניט לאנג; ניט קוקענדיג אויף זיין גבורה, פאלט ער צו דער פרויענצימערס פיס און בעטעלט א ליעבעס נדבה.

און דיא פרויענצימער, וועלבע איז דיא שוואכערע צווישען ביידען שפיעלט מיט איהר צארט העגטעל אין דער גריווע פון דעם לויב און האט א גוואלדיגע הנאה פון דעם וואס זיא קאן ארויפשטעלען איהר פיסעל אויף זיין ווילדען כח און זאגען: „ער איז מיינער".

דאס ציינט אם שארפסטען די געשטאלט פון דער ליעבע צווישען די צוויי געשלעכטער. און דער מאן, וועלבער שטעהט גאר דוכט זיך אויף די קניע און בעט וויינענדיג אום איהר ליעבע, פאלגט אין אמת'ן בלויז דעם אונערבארעמליכען געזעץ פון דער נאטור און דאס איז בשום אופן פאר איהם ניט קיין ערנידריגונג און ער פערליערט דורך דעם ניט זיין עהרע.

אבער איידער ער בויגט זיינע קניע קעהרט ער געוועהנליך איבער הימעל און ערד, ער רוהט ניט און שווייגט ניט. א לויב בין איך פאר אנדערע, נור פאר דיר בין איך א לעמעלע"... זאגט דער מאן צו דער פרוי, וועלבע ער באנעהרט. און ערשט דאן ווען איהר תקיפות'דיגער האלטונג האט בעזיעגט זיין קראפט, דערפיהלט זיך חוה'ס טאכטער

פאלקאמען. און דער מאן, וועלכער דערפיהלט דיא ווייבע פארמען פון דער פרוי לאשצען זיך צו זיין רויער, קרעפטינער נאטור, דעפיהלט זיך עפעס אזוי ווי פערדאפעלט אין זיין עקזיסטענץ.

ביידע צוזאמען אבער פיהלען זיך אויף דער העכסטער שטופע פון הערצינקייט, ווי דאס פאלקאמענסטע וועזען, וועלכעס בעשטעהט פון דער סוממע פון א מענליכען און א ווייבליכען אינדיווידואום צוזאמען.

ווען אונז קומט ארויף א שווערע פראבלעם פון מאראל און מיר דארפען זי לייזען, איז די בעסטע עצה דיא פראבלעם צו פעראיינפאכען און לייזען זי פון דעם שטאנדפונקט פון פיזיאלאגיע. מיר מוזען אריינ־קוקען אין דעם גרויסן בוך פון דער נאטור, דארט שטודירען די געזעצע פון לעבען און אנווענדען זיי צו די ערשיינונגען פון דער מענשליכער וועלט. דעריין בעשטעהט דער גאנצער סוד פון לעבען.

אויף שריט און טריט ווייזט זיך דא אין אונזערע אונטערזוכונגען וועגען דעם געפיהל פון ליעבע וואס זיינען דיא עלעמענטען, וואס מאכען אז איין פרוי זאל זיין פערפיהרערישער פון אלע אנדערע פרויען דאס איז די שעהנהייט, די געהויבענע האלטונג און די הארציגקייט ? און וואס זיינען די עלעמענטען, וואס מאכען אז איין מאנספערזאן זאל זיין אנצי־הענדער פון אלע אנדערע ? דאס איז די קראפט, דער מוטה, דער גייסט. דערפון קומט ארויס די צוציהונג, די נייגונג, וועלכע זעהען אזוי זיך אפשר אויס נאריש און געהיימניספול, אונפערשטענדליך, אבער דאס זיינען דיא איינפאכע קוועלען פון דער פיזיאלאגיע פון די געשלעכ־טער.

דער מאן מוז ארויס ווייזען מעהר איידער געוועהנליך זיין מענלי־כע נאטור אום צו קאנען געווינען דיא ליעבע פון א פרוי, און דיא פרוי מוז פאלשטענדיג ווייבליך זיין אום דעם מאן געפעלען צו ווערן. ביידע מוזען זיך אויפהויבען צו דעם אידעאל פון זייער געשלעכט אזוי ווייט, וויא ווייט עס קאן נאר וואגען דעם טרוים פון דעם דיכטער.

די פרויענצימער ווענדעט דערפאר אן איהר גאנצע קונסט, פיינט

זיך אוים מיט די בעסטע בליהונגען פון איהר געפיהל ווי מיט דיא ריחות פון די שמעקענדסטע בלומען, צייגט ארוים איהר רייצענדסטען חן און ווענדעט אן אלע מיטלען פיזישע און מאראלישע אום צוציהען איהם. און אין גרונד בלייבט דיא פרויענצימער דאס, וואס זיא מוז זיין — אן עבטע פרוי.

און דער מאן שטרענגט אויך אן זיין עהרגייץ אויף וויא ווייט ער קאן; ער ווייזט ארוים אלע אוצרות פון זיין גייסט און לייגט עס אלעס צו די פים פון זיין געטין. אבער ווער ער זאל ניט זיין אין זיין באגעהר פון דער ליעבע: א העלד אדער א מארטירער, ספארטאקוס אדער צעזאר, נעצאהמטער אדער וויטהענדער לויב, אבער איז גרונד בלייבט ער תמיד מאן.

קורץ, די גרויסע ליעבע איז די קאנצענטרירונג פון אלע אונזערע קרעפטען אונטער דער לייטונג פון דעם מעכטיגסטען און ווארעמסטען פון אלע אונזערע באגעהרען; און נעהמליך דער באגעהר: צו ליעבען און געליעבט צו ווערען. אהן דעם איז דיא צוציהונג פון געשלעכטער א געמיינע פערפיהרונג, א חוב פון תאוה, א שענדליכער האנדעל און קראנקהאפטע זעלבסט־ליעבע, א פארברעכען אדער א צולאזענקייט.

## דיא קונסט צו ליעבען און געליעבט צו ווערן.

### 1

עס איז שוין א כלל, אז דער וועלכער ווערט ניט געליעבט, איז תמיד אונגערעכט. און דיזער כלל איז אזוי אויביג ווי די וועלט, אזוי אלט ווי דעם מענשענס לעבען אויף דער ערד, אזוי אונפערענדערליך, ווי דיא געזעצע, וועלכע בעהערשען דיא וועלט.

2

יעדערער בעקומט געגוי אזוי פיעל ליעבע, וויפיעל ער פערדינט.

3

ווען מען געברויכט דעם אויסדרוק „פערדינט" אין ליעבעס־אנגע־לעגענהייטען, מיינט מען דאס ניט אין'ם זינען פון גערעכטיגקייט, ווארום אויף דעם וואגשאל פון ליעבע וועגט שעהנקייט ניט ווייניגער פון גייסט, הארץ, העלדישקייט, הייליגקייט, און ז. וו. —

4

צו זאָגען דעם, וועלכער ליעבט : זיי גערעכט—איז א מין נארישער חוזק מאכען, דערפאר וויל איינער פון די הויפט כאראקטער־ציגע פון דער ליעבע איז די אונגערעכטיגקייט.

5

דיא ליעבע איז דיא אונפארשעהמטסטע, דיא שטארקסטע דיא מורא'דיגסטע פון אלע אונגערעכטיגקייטען. די ליעבע שיינקט איהר חן דעם ערשטען בעסטען, קאָן דאָס זיך זיין דיא העהליכסטע באשעפעניש אדער די געמיינסטע, און עס מעג זיך אפילו זיין להיפוך דער וואהרהייט, דער טוגענד, דער דאנקבארקייט און געגען דיא געשריבענע געזעצע און געגען די שטארק איינגעוואָרצעלטע געוואהנהייטען.

6

דיא מוטער האט א קינד געבארען. האט עס צוואנציג יאהר מיט קוסען און האלזען ערנעהרט. זיא האט מיט דאס קינד געאטעמט, געשלאָפען און שמערצפאלע נעכט געוואכט איבער איהר ליעבלינג ;

מיט דאס קינד אליין האט זיא דיא בעסטע טעג פון איהר לעבען פערבראכט. מוטער און טאָכטער האבען זיך דורך דיא אלע מיליאָנען פון מינוטען פון א פינפטעל יאהר—הונדערט הארץ צו הארץ, געדאנק צו געדאנק, קערפער צו קערפער געדריקט . דוכט זיך גוט, מיט איין מאָל האט דיא ראָזינע, צוואנציג יאָהריגע ענגעל א יונגען מאן מיט שווארצע וואָנציקלאך אויף איהר וועג אנגעטראפען, און יענע שווארצע וואָנציקלאך מאכען א סוף פון דער צוואנציג יאָהריגער ליעבע . דיא זונן פון מוטער־ליעבע ווערט פערדונקעלט, אויסגעלאָשען פון דער גרויזאמער אונגערעכטיגקייט פון דער געשלעכטליכער ליעבע.

## 7

זאָל זיך דארום דער וואס רעדט וועגען ליעבע בענוצען מיט אלע אוצרות פון דעם רייכסטען ווערטער־בוך, נור זאל ער קיין מאהל ניט געברויכען דאס ווארט „א ו נ ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט,“ ווארום דאס איז אן אונזינען.

## 8

דער גרויסע דיכטער דאנטע האָט געזאָגט; „די ליעבע האט נאך קיין מאָהל ניט געצוואונגען צו געגען־ליעבע“— און ער האט געהאט רעכט, ווארום אין דעם טעמפעל פון ליעבע פיהרען אזוי פיעל טיהרען, אז אין ערגסטען פאל, ווען מען זאל זיך נור גוט איינבויגען קאן מען אהין אריין אפילו דורך דער שמאלער, נידריגער טיהר פון דאנקבארקייט. ליעבע אויס רחמנות ליידעט במעט שטענדיג פון אן ארגאנישער קראנקייט, ווי א סקראפולעזע קינד, וועלכען מען דארף היילען מיט יאָד און מיט ים־בעד־דער. מיינע גוטע פריינד וואלט איך א ליעבע אויס מיטלייד קיין מאָל ניט געוואונשען.

## 9

יעדענפאַלס איז אימער בעסער, ווען מען שיינקט ליעבע אויס דאנקבארקייט, איידער אז מען בעטעלט זיא אויס פאר דאנקבארקייט, עס איז אלע מאָהל בעסער.יענער זאָל מיר שולדיג זיין, איידער איך זאל יענעם שולדיג זייין.

## 10

עס איז פאראַן אַ מין ליעבע, וועלכע איז געזעעט געוואָרען אויף דעם באָדען פון פערשטאנד, איז געוואַרעמט געוואָרען פון קלוגקייט, און בעוועסערט געוואָרען טעגליך פון געוואָהנהייט, פון דיזען מין ליעבע קאָן גראד ארויסקומען א געזונדע פלאַנצונג, וועלכע זאָל בריינגען בלומען און פירות. אבער ווער ווייס אויב דיא בלומען און די פריכטע זיינען די אמת'ע סמנים פון דער ליעבע.

## 11

עס זיינען פאראן ווייניג געזונדע מענשען וואס זאָלען האבען אבּ־געלעבּט זייער לעבען און האבען קיין מאָהל קיין פּרויענצימער ניט בעזעסען ; עס זיינען אבער פאראַן זעהר פיעל מענשען, וואָס האָבען אבּ־געלעבּט זייער לעבען און האבען קיין מאהל ניט געליעבט. פאר אזעלכע איז דיא ליעבע, וויא דער הונגער, וויא דער דורשט ; דער אונטערשייד איז נור, וואס הונגער און דורשט קאן מען שטילען מיט ברויט און וואסער; פאר דער ליעבע דארף מען אבער האבען א מענשען פון פרויענ־געשטאלט אום צו זעטיגען דעם הונגער און לעשען דעם דורשט.

## 12

דער הימעל פון איטאליען איז ניט ווייניגער קלאָהר און גלענצענד וו,ן אפילו נאך לאנגע טעג פון רעגען און וואלקען ; דארטען אבער וואו דער הימעל איז אויביג גרוי. דאָרט איז ניטא גענוג זונן און ווינד, וואָס

זאָל דעם הימעל פארבען אויף בלאָה. אזוי איז אויך מיט דער ליעבע: איז דיא ליעבע אן עכטע, א וואהרהאפטע, וועלען זיך אויסהיילען איהרע שווערסטע און בלוטיגסטע וואונדען, פון אונטער א בארג מיט אש, שפארט זיך איהר פייער דורך אין אונטער די גרעסטע אייז־בערג פער־לירט זיא ניט איהר ווארעמקייט; זיא קאָן הונדערט מאהל איינשלאָפען און וועט זיך הונדערט מאהל אויפכאפען; הונדערט מאהל שטארבען און הונדערט מאהל ווידער אויפלעבען. און אויב זיא ווייזט ניט אזעלכע וואונדער קאָן דאס זיין אלעס אין דער וועלט, פריינדשאפט, ליידענ־שאפט, אבער קיין אמת'ע ליעבע.

## 13

איהר ליעבענדע, האט נור קיין מורא ניט פאר קיין שטורעם, קיין דונער און קיין בליץ; האט קיין מורא ניט פאר קיין קינזשאל און פאר קיין גיפט אָדער ערד ציטערניש; לאכט זיך אויס פון פערלוימדונג, פון קנאה און פון שנאה. אבער פאר איין זאך מוזט איהר זיך אויסהיטען, אויב איהר ווילט אז דער פייער פון אייער ליעבע זאָל קיין מאהל ניט פערלאשען ווערן; אז דער דימענט פון אייער אוצר זאָל שטענדיג פינק־לען; איהר מוזט זיך אויסהיטען פון דעם שרעקליכסטען פיינד פון דער ליעבע — פון דער לאנגווייליגקייט.

## 14

ליעבען בלויז איין שטונדע, דאס איז די ליעבע פון א חיה; ליעבען איין טאג איז שוין מענשליך; ליעבען דאס גאנצען לעבען, איז מלאכים־ליעבע; דעם גאנצען לעבען איין פערזאָן ליעבען — דאס איז געטליך.

## 15

דער מאן וואס ליעבט טהיריש איז פאלינאמיש (לאכט מיט פיעלע ווייבער) דער מאן וואס לעבט מענשליך איז מאנאגאמיש.

## 16

דיא נאטור האט דעם מאן געמאכט פאר א פאלינאם; די ער־האבענע אויפגאבע פון דער פרוי איז צו מאכען איהם פאר א מאנאנאם.

## 17

צו האבען מעהר אלס איין ליעבע אין דערזעלבע צייט איז ליידענ־שאפטליך, נידריג, פאלש און קויפליך; אזא ליעבע איז קיין מאהל ניט קיין אמת'ע. אבער איין ליעבע נאך דער אנדערער קאן זיין אויפריכטיג, גליהענד און הייליג.

## 18

דער געדאנק, אז מען קאן אין לעבען נור איין איינציגען מאהל ליעבען, איז איינער פון די גרעסטע דומהייט, וועלכע די ליעבע פלווידערט טעגליך אהן א זינען.

## 19

דער וואס האט שוין מעהר ווי איין מאהל געליעבט. איזווירקליך ניט אין שטאנד אייך צו זאגען, וועלכער איז געווען זיין ערשטע, זיין אמת'ע ליעבע. ווען מען וויל דעריין געפינען א טאלק און ניט פלאנטערן זיך, איז דאס בעסטע אויסצושטעלען זיי כסדר נארן אויף־בית, כראנא־לאגיש. און דאן וועט אויסקומען אז די עלטסטע און די הייסטע ליעבע איז די, וועלכע הויבט זיך אן מיט א.

## 20

ווען מען וויל די ליעבע רייניגען פון דערנער; ווען מען וויל איהרע וואונדען היילען, בעלעבען זיא, פעראיידעלערן זיא און מאכען זיא פאר דער הויפט־פרייד פון לעבען — דארף מען געברויכען נור איין איינציגען

מיטעל: א ביסעל אויפריכטינקייט.

## 21

אויב א בעליידיגונג קאָן טויטען דיא ליעבע, איז א סימן אז אין איהר איז געווען מעהר אייגענ־ליעבע אלעס ליעבע.

## 22

זעהר אפט איז די ליעבע ניט מעהר ווי אייגענ־ליעבע מיט ליידענ־שאפט געווירצט!

## 23

פאר דער ליעבע איז ניטא אזא זאך ווא געמיין, מיאוס, אונ־פאסיג; דיא ליעבע איז א ליכט, וואס מאכט מיט איהרע שטראהלען אלעס קלאהר; אוואַרעמקייט וואס צושמעלצט יעדעס אייז; א זיסקייט וואס פערטרייבט יעדען טעם פון ביטערנים.

## 24

יעדער בעריהרונג פון א מאן און א פרוי איז אונריין, אויב דאס איז ניט ערוואַרעמט פון דער ליעבע; פארקעהרט, יעדער באגעהר איז צניעות'דיג און זויבער, אויב עס איז אין שאטען פון דער ליעבעס מעכ־טיגע פליגלען.

## 25

ניט די שעהמעדינקייט און ניט די גוטסקייט, ניט דיא דאגמען און ניט דיא לעהרען פון דרעהקעפּ, ניט זיי זיינען דיא אנווייזער פון דיא גרעניצען, וואס איז אנשטענדיג און וואס איז ניט אנשטענדיג צווישען מאן און פרוי; דיזע גרעניצען ווייזט אונז אן זיכער און אהן א טעות דיא האנד פון דער ליעבע.

## 26

דיא ווייבס־פערזאן, וועלכע מען ליעבט, איז תמיד א מלאך — גאנץ גלייך, עס מעג זיך זיין מוטער, שוועסטער, טאָכטער אָדער ווייב. די פרויענצימער, וועלכע מען ליעבט ניט, בעטראכט מען מעהר ניט ווי א פרויענצימער, מעג זי זיך אפילו זיין שעהן ווי ראפאעלס פאָרנאָרינאָ און פלאסטיש ווי די ווענוס פון מילאָ.

## 27

פון דעם אויגענבליק אן, וואס מאן און פרוי האבען איינער דעם אנדערען ארויסגעזאָגט דאס געהויבענע ווארט: „איך ליעב דיך!" פון דיזען מאָמענט אן ווערען זיי, גאר אָהן זייער וויסען, יענע כהנים פון א בית־המקדש, וועלכע מוזען אבהיטען דעם אש־תמיד פון זייער באגעהר, זיי דארפען היטען אז דער הייליגער פייער זאָל ניט דערשטיקט ווערן פון צופיעל ברענ־שטאף און זאל ניט פארלאָשען ווערן דורך צו ווייניג קופט אדער צופיעל קאלטקייט. דעריין ליגט דער גרויסער סוד פון דער קונסט אויביג צו ליעבען.

## 28

אין דער ליעבע איז דאס פערלאנגען ווי א קליין פייגעלע, וועלכען מען ניט אין די הענד פון א קינד; דאָס קינד צערטעלט און פיטערט דאס פויגעלע אזוי פיעל, אז עס שטארבט פון צו רייכע נאהרונג.

## 29

די ליידענשאפט איז זעהר אפט די מוטער פון דער ליעבע, אבער נאך אפטער איז זיא אויך איהר מלאך המות.

## 30

איינער פון דיא גרעסטע לינען אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענשליכער פאמיליע איז, ווען דיא פערליעבטע שווערען זיך מיט בעריהמעריי: „איך ליעב דיך אויביג, איך ליעב דיך שטענדיג אזוי וויא איצט!“ ווארום אין אמתן ליעבט מען שטענדיג אויף פערשיעדענע אופנים און יעדען טאָג, יעדע שטונדע, יעדע מינוט ליעבט מען אויף אן אנדער אופן. מיט דער ליעבע אין עס וויא מיט אלע לעבעדיגע, יוגענד־ווארמע וואכען, וועלכע ענדערען זיך שנעל, און גראד דאָס ווייזט זייער יונגקייט און זייער קראפט.

## 31

ווער עס מיינט, אז צוויי קוסען קאנען זיין גלייך איינע צו דיא אנדערע, צוויי אומארמונגען קאָנען זיין גלייך, דער ווייס נאך ניט אפילו דעם אלף־בית פון דער ליעבע.

## 32

מען וועט דיך זעהן — מען האט דיך געזעהן — מען וועט אונז זעהן—מען האָט אונז געזעהן; דאס זיינען פיער אקטען איינער נאך דעם אנדערען אין דער גרויסער קאמעדיע אדער טראגעדיע פון דער ליעבע.

## 33

דער האנד־דרוק איז דער לעצטער, דער אינערליכסטער אויסדרוק פון פריינדשאפט; ער איז אויך אבער אָפט דער ערשטער טריט אויף דעם וועג פון דער ליעבע.

## 34

דיא האנד איז זעלטענער פאלש אין דער ליעבע אלס דיא ליפען

אדער דיא אויגען ; אפילו דיא פאַלשע פרויענצימער געטרויט שטענדיג איין אויפריכטיגען האנד־דרוק, ווייל זיא האלט עס פיר דעם אינשול־דיגסטען אויסדרוק פון הארצען.

## 35

ווער עס פארשטעהט ניט דיא שפּראך פון א האנד־דרוק, יענער פּערדינט ניט צו ליעבען אדער געליעבט צו זיין. א פרוי וויים וויא דורך דער שפּראך פון א האנד-דרוק צו זאָגען אונז : „בלייב“ אדער „געה“ ; זי קאָן אונז דורך דיזער שפּראך אויך זאָגען : „איך האב דיך געליעבט — איך ליעב דיך — איך וועל דיך ליעבען.“

## 36

וויא אָפט און ווי פערשיעדען יעדען מאָהל בעזונדער ווייס א פרוי וויא מיט בלויז א האנד־דרוק אונז צו זאָגען דאס אינהאלטס-רייכע ווארט . פ י ע ל י י כ ט !

## 37

דיא ליעבע ענטשטעהט און פארגעהט אזוי ווי די זונן און ווי אלע גרויסע גייסטיגע און מאטעריעלע ערשיינונגען צווישען פארטאָג און פאר־נאכט — צווישען דעם „פ י ע ל י י כ ט“ פון האפנונג און דעם „ק י י ד ע ר“ פון חרטה.

## 38

דיא ליעבע איז א בלום, דיא הייראטה איז א פרוכט, אָבער דיא האדעוואניע פון בלומען און דאס קולטיווירען פון פרוכט-בוימער זיינען אזוי ענג פערבונדען, אז זיי ערשיינען ווי א צווילינג. פון דעסטוועגען דארף מען ניט פערלאַנגען קיין בלומען פון א פרוכט גארטען און קיין פרוכט פון א בלומען־גאָרטען.

## 39

עס איז פונקט אזוי וויא צו פרעגען איינעם : וואס וואלט איהר בעסער וועלען האבען א געליעבטע אדער א פרוי ?" ווי מען זאל איינעם פרעגען : „וואס ווילט איהר בעסער, א רויז אדער א פיטשע ?"

## 40

פעראייניגט אין אייער ליעבע אזוי ווייניג אייגען-ליעבע, וויא עס איז נאר מעגליך, דאגעגען רעכענט אימער דאס אייער געליעבטער האט צו פיעל אייגען-ליעבע. אויף דיזען אופן וועט איהר זיך קיין מאל ניט געפינען בעליידיגט אין זיך היטען דעם געליעבטען קיין מאל ניט צו בעליידיגען.

## 41

אלע צוויליזירטע נאציאנען האבען געזעץ ביכער מיט דינים איבער פערשידענע פערברעכען און זינד; דאס געזעץ-בוך פון דער ליעבע האט נאר איין שווערען פערברעכען, דאס איז דיא פ א ל ש ק י י ט; דער ל י ג ע ן איז נאר איין איינציגע שטראף, און דאס איז דער ט ו י ט.

## 42

מאנכע וואונדערען זיך, ווי אזוי קאנען דיא קאמפאזיטארס מיט זיבען נאטען בלויז שאפען אזעלכע רייכע אוצרות פון הארמאניע, אדער ווי אזוי די מענשען קאנען מיט פינף און צוואנציג בוכשטאבען בלויז אויסדריקען מיליאָנען פון געדאנקען. איך געפין דעריין קיין וואונדער ניט ינט די ליעבע קאן מיט דריי נאטען בלויז שאפען א וועלט פול מיט שמחה און א וועלט פול מיט יסורים.

## 43

דיזע דריי נאַטען זיינען: וואַרטען, זעהען זיך, שיידען. אדער מיט אנדערע ווערטער: פערלאנגען, בעזיצען בע-קלאגען וויפיעל פערבינדונגען וויפיעל גליק און אונגליק האבען דיזע דריי ווערטער געבראַכט אויף דער וועלט.

## 44

דאס פערלאנגען איז כמעט פאר אלע מענשען א כלי, וועלכע מען ליידיגט אויס; פאר מאנכע גליקליכע איז עס א ים מיט עבבע און פלוט; פאר דיא גאר ווייניגע אויסגעוועלטע איז עס אן אויביגער שטראם, וועלכער פליסט שטענדיג און הערט קיין מאהל ניט אויף; איין כוואליע יאָגט נאָך די אנדערע און עס איז קיין סוף ניטא צו דער בעוועגונג.

## 45

ביי א גרויסער מאסע פון ליעבענדע קומט די ליעבע ארויס פון'ם פערלאנגען, און דאס פערלאנגען ווערט געטויט פון דער ליעבע; ביי די ווייניגער גליקליכער איז אבער דו ליעבע טאקע די טאָכטער פון פער-לאַנגען, נור אין דערזעלבער צייט איז זיא אויך דיא פרוכטבארע מוטער, וועלכע בריינגט ארויס אלץ נייע פערלאנגען, וועלכע האלטען אין איין ענטוויקלען זיך.

## 46

אלע, וועלכע פרעגען: וואס איז דער תכלית פון לעבען? אלע, וועלכע פארשילטען דאס לעבען, האבען ענטוועדער קיין מאהל ניט גע-ליעבט, אדער — צופיעל געליעבט...

## 47

ווער עס האָט געליעבט און איז געליעבט געוואָרען, ווען אפילו בלויז איין איינציגען טאג אין לעבען, האט קיין רעכט ניט, דאס לעבען צו פלוכען.

## 48

דיא גרעסטע פרייד, דיא בערוישענסטע ענטציקונג, די העכסטע בעגייסטערונג, דעם רייכסטען אוצר, דיא פינקעלנדסטע פערעל, דיא אויבינקיים אהן א שיעור — דאס אלעס קאָן בלויז געבען די ליעבע.

## 49

עס איז ניטא קיין הונגער, וועלכען ברויט זאל ניט קאָנען זעטיגען; קיין דורשט, וועלכען א קוואל זאל ניט לעשען; ניטאָ קיין געשמאַק, וועלכען א קובער זאָל ניט קאָנען בעפריעדיגען. אבער דיא ליעבע איז אנדערש; אפילו נאך א לאנגען ליעבעס-לעבען שטארבט זי פאר דורשט. און מיר אלע שטארבען מיט אן אונבעריהרטען קאפיטאל פון ליידענשאפט, וועלכען מיר לאָזען אפשר איבער אונזערע קינדער אלס ירושה.

## 50

דיא ליידענשאפט פערהאלט זיך צו דער ליעבע וויא פייער פערהאלט זיך צו דער זונן.

## 51

וויניג מענשען האבען זוכה געווען די ליעבע א נאקעטע צו זעהען, אפשר דערפאר ווייל זיי זיינען ניט ווערטה געווען אזא בילד צו זעהען.

52

מענשען און די ציוויליזאציאן בעדעקען דיא ליעבע אלץ מיט נייע קליידער, נייע בעפוצונג, נייעם לאק, וויל זיי ווילען אלץ זייער שאנדע באדעקען.

53

דיא נאטור און די אונשולד זיינען אימער נאקעט ; און ביי יעדער גוואלד־טהאט געגען דער נאטורווארפט דער מענש ארויף א נייעם שלייער אויף דער סטאטוע פון ליעבע.

54

קיין באשעפענעס איז ניט געדיכטער פערוויקעלט, ווי די אונשולד אין איין העמד ; און קיין באשעפענעס איז ניט אזוי נאקעט, וויא דיא צולאזענע פרוי, וועלכע פארשטעלט זיך פון דער וועלט מיט צוואנציג דעקעס פון ליינען און פון זיידענס.

55

בעזיצען — הייסט נאך ניט ליעבען, און נאך ווייניגער געליעבט צו זיין. די תאוות האבען אויך זייערע בעדערפניסע און זייערע קאפריזען, און זיי פארשטעלען זיך אונטער דער מאסקע פון ליעבע אום צו־צוקומען צו דאס הייליגע.

56

ווען איהר דערפיהלט חרטה, זעהט עס איינער אליין צו פערדייען. קיין זאך איז ניט אזוי אונגאלאנט, אזוי געמיין, ווי איינצולאדען די גע־ליעבטע, זי זאל מיט אייך איבערקייען די נעכטיגע זינד.

## 57

הײנטיגע צייטען נעהמען די מענער נקמה פון די פרוי'ען פאר דיא פיעל צוריקווייזונגען דורך דעם, וואס זיי פערלוימדען דיא פרויען. דער פאקט אבער, אז עס איז גרינגער צו בעקומען הונדערט מענער איידער איין פרוי, בלייבט דאך א פאקט.

## 58

אום צו צו ציהען א מאן, איז גענוג אז דיא פרויענצימער זאָל זיין א מיטעלמעסיגע שעהנהייט אדער אפילו מעהר ניט ווי זי זאל קערפּער־ליך א ביסעל געפעלען זיין — אפט איז אפילו גענוג שוין דאס וואס זי איז א פרויענצימער. אום אבער א פרוי צו געווינען, דארף מען פריהער פון אלעם איהר טאקע שטארק געפעלען ווערן.

## 59

און א פרוי געפעלען צו ווערן איז ניט אזא גרינגע זאך, דאס פּאָדערט הונדערטע מעלות אדער טויזענדערליי אייגפעלע.

## 60

א וועלכע ניט איז אונבעדייטענדע דינסטמיידעל קאן אין פינף מינוטען קריגען אזא מאנספערזאָן וויא אַפּאָלאָ פון בעלוועדער אדער א געקרוינטען קעניג אפילו. אבער אפילו א פראסטיטואירטע פרויענצימער קאָן אבווייזען זאָגאר א אַפּאָלאָ, דאס בעווייזט דיא ווירקליכע גרויסקייט פון דער פרוי.

## 61

שטעלט קיין מאהל ניט א געליעבטע פערזאָן אין פערלעגענהייט,

אז זיא זאל רויט ווערען אויב איהר קאָנט עס ניט פעררריכטען דערנאָך מיט א קום אדער מיט א צערטליכקייט. ווארום דאס קאָן זיין א לייכטע אדער א שווערע וואונד — וויא אמאל. אבער נור דער אליין וואָס האָט פערוואונדעט קאָן אזא וואונד היילען.

## 62

אָ, פרוי! ווילסטו געליעבט ווערען? זיי שעהן, א שעהן לייב, שעהן הארץ אדער שעהנער גייסט. אין דער וועלט פון לעבען ביסטו די הייליגע היטערין פון דער זריעה, צו ביסט דער וועב־שטוהל פון לעבען — פאלגליך מוזט דו שעהן זיין.

## 63

ווילסט דוא, אָ מאַן, געליעבט ווערן? זיי שטארק אין קערפער אדער אין גייסט, אין דעם מוטה פון ליידענשאַפט אדער אין בליץ פון געדאנקען. די פרויענצימער, וועלכע בעוואונדערט, יענע איז פערטיג זיך צו פערליעבען. די נאַטור האט דיך געמאכט פאר דעם פערטיידיגער פון דער פאמיליע, פאר דעם וועקער פון פערשלאָפענע קרעפטען; זי האט דיך געמאכט פאר דעם סאלדאַט פון לעבען און פון ליעבע — פאלגליך מוזט דו שטארק זיין.

## 64

די מענער לאזען זיך פאנגען וויא פליגען, מיט דער האנד בלויז, מיט א שטיקעל צוקער, מיט פערשיעדענע מיטלען, בעזונדער אבער מיט — ווייהרוך. ווי אויסצולערנען דיזע קונסט דארף מען ניט קיין מינדליכע און ניט קיין שריפטליכע אנווייזונגען. אסך שווערער איז שון א מויז צו פאנגען, ווארום דערצו דארף מען וויינינגסטענס א פאסטקע אוועקשטעלען. אבער א מאן צו פאנגען, דערצו איז גענוג בלויז איין נארישע פרוי.

## 65

די פרויען זיינען ווי די גרויסע פעסטונגען : נור מיט אויסהונגערן אדער מיט שטורעם קאן מען זיי נעהמען, נאכדעם וויא מען האט דורך א שטארקער באמבארדירונג דיא מויערן איינגעבראכען.

## 66

יעדע הילף אבשניידען, יעדען אויסוועג פערצאמען, אלע טויערען בלאקירען ; און דאן דאס ארעמע הארץ פון דער פרויענצימער לאזען שמאכטען אהן דעם ברויט פון פריינדשאפט, אהן דעם וויין פון גענוס, אהן דער לופט פון ליעבע, און דאן ערשט איבעררייד־ען, אז זי האט אין איהר מאכט ברויט, וויין, לופט און וואסער—דאס רופ איך א פרוי דורך הונגער צו געווינען.

## 67

די חושים בעהרשען, דיא פאנטאזיע בעצויבערען, אלע גייסטינע קרעפטען איינע נאך דיא אנדערע אונטערטעניג מאכען, מיט דיא פורכט בארע קאנאנען פון מענערליכע ליידענשאפטען די פעסטונגס-מויערן בע־שיסען — דאס רופ איך, ערא‌בערן א פרויענצימער מיט סטראטעגיע און טאקטיק.

## 68

עס איז א סך לייכטער א פעסטונג איינצונעהמען דורך בעפאלען אלס א פרוי. ווער עס גלויבט, אז ער האט א פרוי געוואונען דורך איבער־ראשונג, דער האט זיא בלויז בעזעסען, אבער ניט איהר ליעבע. דאס הארץ פון א פרוי האט צו פיעל שוץ־שומרים, אז, מען זאל עס קאנען איינעהמען אהן א לאנגער, עקשנות׳דיגער בעלאגערונג.

## 69

דיא פרויענצימער, וועלכע מען עראבערט דורך איין איינפאל, דורך איבערראשונג, קאן מיט פולען רעכט זאגען צו איהם: „דו האסט מיך בעזעסען, אבער איך האב דיך קיין מאהל ניט געליעבט. די פאהן איז צוריסען, אבער זיא פלאטערט נאך. איך בעלאנג ניט צו דיר“.

## 70

א מאן קאן בעזיצען א ווייבליך וועזען אלס פאקט, פיזיש, וויא א חיה. אבער די פרויענצימער איז מאראליש אזוי לאנג ניט אונזערע, ביז זיא האט אונז געשיינקט איהר הארץ, און דאס לאזט זיך קיין מאהל ניט נעהמען דורך איבערראשונג.

## 71

ניטא קיין פעסטונג אין אייראפא, וואס זאל זיך קאנען ריהמען אז עס איז ניט געפאלען דורך שטורעם, הונגער אדער פערראטה; פיעל שוואכע פרויען זיינען בייגעשטאנען דיא שטארקסטע בעלאגערונג. און פון דעסטוועגען ערלויבען זיך די מענער וועגען זיי צו זאגען, אז זיי זיינען שוואכע בעשעפעניסען! א שרעקליכער ליגען!

## 72

דיא פרויען, וועלכע מען געווינט לייכט, פערלירט מען אויך זעהר לייכט; די פרויען אבער, וועמען צו בעזיגען עס קאסט פיעל מיה, קאן מען ניט אזוי גיך פערלירען.

## 73

אום אויפצוהאלטען דיא ליעבע פון א מאן אדער פון א פרוי, מוז

מען יעדען טאג ווידערהאלען די ערא‏בערונג, וועלכע איז שוין איין מאהל געלונגען.

## 74

זאלץ איז זעהר א ווירקזאמע זאך פאר קאנסערווירען פלייש — און ליעבע. אזוי, אז מען וואלט צו מאנכע, וועמעס ליעבע איז מכולה גע־ווארען, געקאנט זאגען: „פאר וואס האסטו ניט אנגעווענדעט אביסעל מעהר זאלץ?“

## 75

די אויסגערעכענטקייט ניט צו ווייזען זיך אפט איז א גוטער מיטעל ווי די ליעבע לאנג אויפצוהאלטען; מען מוז דאס אבער אנווענדען מיט א ריכטיגער מאס און מיט שכל, כדי עס זאל ניט ארויסקומען דערפון אקוראט א פארקעהרטע ווירקונג. עס איז אזוי וויא מיט דער גארטענ־קונסט; ווען מען שניידט צוועקמעסיג ארום די צווייגען שטארקט עס די פלאנצע, ווען מען טהוט עס אבער איבער דער מאס הרג'עט מען דיא פלאנצע אוועק.

## 76

וועה איז דער פרוי, וועלכע בעפריעדיגט אלע באגעהרען פון דעם מאן אין איין יאהר, אין איין מאנאט, אין איין טאג. צוויי ליעבענדע, צוויי פערהייראטע מוזען שטארבען און זאלען נאך ניט האבען אויסגע־לײדיגט דעם לוסט־בעכער ביז דעם לעצטען טראפען.